STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09539

KHAVER LEYBKE

Morris Freed

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה פריד

באַוועך לייבקע

(נאָוועלע)

מיט אַ פאָרוואָרט פון מחבר

צייכנונג פון מ. פאַריז

אַרויסגעגעבן פון מחבר
פּעטערסאָן, ניו־דזשוירזי
1960

MOISHE FREED

COMERAD (KHAVER) LEIBKE

A STORY OF OUR TIME

Foreword by Author

Drawing — M. PARIS

Copyright, 1960

MORRIS FREED

348 E. 23rd St.

Paterson 4, N. J.

Printed in the United States of America

פּאָרוואָרט

איך בעט די לייענער מיר צו גלויבן, אַז נישט מיט אַ גרינג האַרץ האָב איך זיך געזעצט שרייבן דאָס בוך — כּאוועד לייבקע.

איך בין אין די אַלע יאָרן פון מיין לעבן נישט געווען וואָס מען רופט אַ פּאַרטיי־מאַן; בין קיינמאָל ניט געווען, — איך בין זיך מודה, — אידענטיפיצירט מיט די פרייהייטלעכע באַוועגונגען פון כּל־המינים, מיט וועלכע די יידישע גאַס איז געווען פול, סיי אין דער אַלטער היים און סיי דאָ אין אַמע־ריקע. — איך האָב געטראַכט, אַז די אָנגעהעריקייט צו אַ פּאָ־ליטישער פּאַרטיי און אירע דאָגמעס צווינגט אַרויף אַ דיס־ציפּלינירטע אחריות וואָס צוימט די פרייהייט פונעם געדאַנק און פונעם ווילן, און אַז צווישן דאָס גוטע, וואָס ווערט געפּרע־דיקט, ווערט אויך אומדירעקט פאַרשפּרייט דער סם פון שנאה און ביטערניש פון מענטש צו מענטש. הגם ווי אַ פּראָגרעסיוו־געזאָנענער ייד פלעג איך נישט אָפּשטיין פון שטיצן אויף אַלע מעגלעכע אופנים יעדע פרייהייטלעכע באַוועגונג, אָפּגעזען פון נאָמען, ריכטונג און „איזם", וואָס האָט געצילט צו דער פאַר־בעסערונג פון דעם מענטשלעכן לעבן, צו דער פאַרבעסערונג פון אונטערדריקטע מענטשן און פעלקער אומעטום אויף דער וועלט.

איך בין געשטאַנען און שטיי נאָך היינט ווייט פון יעדן פּאָליטישן טומל און פראַקציאָנעלע פּאַרטיי־שטרייטן. ריין איז מיין געוויסן פון פּאָליטישע חטאים. נישט אַ קעמפער, אָבער אויך נישט קיין באַקעמפער געווען.

מיינע פּאַרטייען זיינען געווען די ריין־קולטורעלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, און ווי אַ שרייבער — צו שרייבער־גרופּן באַ־

לאַנגט, און אין די רואיקע, שטילע היכל׳ען פון וואָרט און קונסט זיך אויסגעלעבט ביזן היינטיקן טאָג.

לייענער וועלן מעגלעך פרעגן:

מה ענין שמיטה אצל הר־סיני — ווי קום איך, א זייטיקער, א ניט־באַוועגונגס־מענטש, אינעם גבול פון די לייבקעס?

איז דער ענטפער:

ווי אַ שרייבער מיט אַן אויג פאַר געשעענישן, איז שווער צו זיין גלייכגילטיק און נישט אויפצונעמען די טראַגישע עפּאָכע פון דער צייט אין וועלכער איך לעב; ווי אַ שרייבער קען איך נישט בלייבן טויב און שטום צו די וויברירנדיקע פּאַסירונגען, צו די קאַמפן און קאָנפליקטן אין דעם מענטשלעכן לעבן; צו די האָפענונגען, חלומות און אַנטוישונגען פון דעם מין מענטש אַלס מענטש אין מיין צייט, סיי אַלס אַ יחיד און סיי אַלס אַ כלל־מענטש. באַזונדערס זיינען דאָס די אויסערגעוויינלעכע געשעענישן אין אונדזער צייט, אין אונדזער יאָרהונדערט, וואָס רעגט אָן אַ שרייבער, בפרט נאָך אַ יידישן שרייבער, וואָס האָט אויף זיין געוויסן אויך די גורל׳דיקע ראַנגלענישן פון זיין פאָלק אַלס פאָלק צווישן די פעלקער — אויסצושרייען מיטן כח פונעם וואָרט אויפן פּאַפּיר.

איין פאַל, וואָס האָט מיר לאַנגע יאָרן קיין רו נישט געגעבן — און דאָס ביז היינט — איז געווען די צייט בעת נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה — נאָך דער גרעסטער טראַגעדיע אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, נאָכן אומקום פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק דורך די הענט פון דעם דייטשן מערדערפאָלק, ווען איך האָב אָט־דעם שוידערלעכן בראָך אויסגעשריען אין דעם בוך מיינעם „די איבערגעבליבענע“.

דער צווייטער פאַל, וואָס צווינגט מיך ווידער צו נעמען די פעדער אין דער האַנט, איז די איצטיקע צייט — די צייט פון אַ גרויסער וועלט־געשעעניש, וואָס גוט־מיינענדיקע און ערלעךגלויבנדיקע מענטשן האָבן עס אויפגענומען אינעם ליכט פון אַ גרויסן, הערלעכן אידעאַל, צו וועלכן אויך מיר יידן, דאָס יידישע פאָלק, האָבן ביגעטראָגן מיליאָנען קרבנות, און איז

איצט אָפּגעדאַנקט געוואָרן מיט דער אויסראָטונג פון דעם טויזנט־יאָריקן יידישן לעבן, מיט דער פאַרניכטונג פון דער יידישער שפּראַך, קולטור און מיט אירע וואָרט־קינסטלער, און מיט דער געפאַר פון אָפּמעקן פון אַ גרויסן טייל פון אונדזער פאָלק. און ווי טראַגיש דאָס איז, ווי איראָניש, אינעם נאָמען פון אָט־דעם הערלעכן אידעאַל אין דעם רעוואָלוציע־לאַנד!

איך קען דעם כאַוועך לייבקע, דעם העלד פון דער דער־ציילונג. מיר איז באַקאַנט די סביבה אין וועלכער ער איז אויפ־געקומען און אין וועלכער ער האָט באַקומען די נערונגען פאַר זיין גייסטיקן לעבן. כ׳קען זיינע וואַנדערונגען און וואַנדלונגען, די גאָט־און אמת־זוכענישן פון זיינע בחור׳שע יאָרן אָן אין דער אַלטער היים און דאָ אין אַמעריקע. כ׳ווייס אויך: אַזעלכע ווי ער, זיינען דאָ אין די טויזנטער אין יעדער שטאָט און שטעטל, אומעטום אויף דער וועלט.

האָט מיין אויג אויפגעכאַפּט די טראַגישע צעבראָכנקייט זיינע, די טיפע אַנטוישונגען, דאָס, וואָס עס טוט זיך אין דער צעווייטיקטער נשמה זיינער, און — ניין! כ׳קען נישט בלייבן טויב און שטום און צוריקהאַלטן די פעדער פון אויסצושרייען עס מיטן כוח פונעם וואָרט, ווי איך טו דאָס אין דעם בוך — כ אַ ו ו ע ר ל י י ב ק ע.

משה פריד

פּעטערסאָן, נ. דזש., מערץ, 1960

פון זעלבן מחבר:

„די איבערגעבליבענע", א באנד דראמאטישע שריפטן,
פארלאג פעטערסאָנער „ציקאָ"-צווייג, 1952.

THE SURVIVORS, Sci Art Publishers, Cambridge 38, Mass., 1956.

כאַוועך לייבקע

א.

לייבקע איז נאָר־וואָס געקומען פון דער אַרבעט, נאָר־וואָס אָפּגעגעסן, און ער איז שוין ווידער אויף די פיס. אין דרויסן איז אַ שניי, אוממעגלעך אַרויסצוגיין, אים אָבער יאָגט עס פון הויז אַרויס. אין דעם לינקן אַרבעטער־קלוב וואַרט אויף אים אַ מיטינג, און ער מוז דאָרטן זיין. ס׳וועט זיך דאָרט היינט טאָן חושך! און ער קען דאָס נישט דורכלאָזן. עס גייט נישט ווייטער. דאָס האַרץ איז איבערפילט מיט ביטערנישן אַזש איבער דער גאַל. ווי לאַנג ער האָט געקענט, האָט ער געליטן און געשוויגן — אַלץ פאַרשוויגן. אוממעגלעך אָבער צו שוייגן לענגער. דאָס מויל רייסט זיך צו ריידן, וועט ער זיך דאָרט אויך לאָזן הערן און זאָגן אַזעלכעס וואָס ער האָט נאָך ביז היינט נישט געוואַגט אַרויסצוברענגען. האָט ער לאַנג נאָך פאַר דער באַשטימטער צייט זיך געגרייט צו גיין, זיך אָנ־געטאָן וואַרעם, אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ שווערן פּאַלטן, אַ הוט, קאַלאָשן איבער די שיך, אַ שאַל אַרום האַלדז, און קעגנ־שטעלנדיק זיך דער פרוים טענות, ניט צו גיין צום מיטינג, זיך צו שוינען ס׳געזונט, האָט ער, זעגנדיק זיך מיט איר, גע־זאָגט:

— קלער ניט איבער, בלומע, אויב איך וועל ניט זיין צוריק אין צייט.

אַרויסקומענדיק אין דרויסן, איז לייבקען געווען שווער צו שטעלן אַ טראָט. ס׳האָט געהאָגלט מיט אַ קאַלטן שניי, דער ווינט האָט דורכגענומען. ס׳איז געווען נאַס און גליטשיק און

ער האָט ווי ניט געזען דעם וועג. לייבקע האָט אָבער גע־שפּאַנט ווי דער וועטער מיינט ניט אים. אַ שלעכטער וועטער האָט אים קיינמאָל נישט אָפּגעהאַלטן פון צו גיין צו אַ מיטינג. ס׳האָט אים נישט געאַרט אַזוי ווייט פאַר זיך, ווי פאַר אַנדערע. ער ווייסט אַז נישט אַלע זיינען ווי ער. ער שטעלט זיך איין. אַנדערע זיינען מער אָפּגעהיטן. אויב דער וועטער איז שלעכט, בלייבט מען בעסער זיצן אינדערהיים. איז ער דעריבער געווען אין גרויס ספק אויב דער מיטינג, צו וועלכן ער יאָגט זיך, וועט זיין אַ באַזוכטער און צי עס וועט זיין צו וועמען צו ריידן. אויפן וועג האָבן זיך וויניק מענטשן געזען. די גאַסן, די געסלעך זיינען געווען אויסגעליידיקט און אָפּגעשטאָרבן; די הייזער האָבן זיך געזען העל־באַלויכטן. דורך די פענצטער האָבן אין די אינעווייניקסטע צימערן זיך געזען די שטוביקע, איינקוקנ־דיק זיך אין טעלעוויזיע־פּראָגראַמען. פאַר אַ מאָמענט האָט לייבקע די מענטשן מקנא געווען. איז זיי דען נישט בעסער פון אים? צי איז דען נישט בעסער צו פאַרברענגען אין אַ וואַ־רעם הויז מיט דער פאַמיליע, איידער זיך צו שלעפּן אין אַ פינצ־טערער, קאַלטער נאַכט צו אַ מיטינג? שוין באַלד פערציק יאָר אַזוי. צו וואָס טוט ער דאָס? — האָט ער זיך געפרעגט, און פרעגנדיק זיך אַלץ געיאָגט צום מיטינג...

אָנקומענדיק אָבער אין דער גאַס פונעם לינקן אַרבעטער־קלוב, איז לייבקע אַנגענעם איבערראַשט געוואָרן. ער האָט אין אָט־דער גאַס יאָ אָנגעטראָפן אויף אַ באַוועגונג פון אַ גרויסע מאַסע מענטשן. ס׳איז געווען אַן עולם צווישן וועלכן ס׳האָבן זיך געזען גוט־באַקאַנטע פּנים׳ער, אַזעלכע וואָס האָבן גע׳שמ׳ט פאַר הונדערט־פּראָצענטיקע לינקע, אָדער פאַר סימ־פּאַטיזירער פון דער לינקער באַוועגונג. געווען אויך צו זען אַ היפּשע צאָל טוערס אויך פון דעם רעכטן אָרדן־רינג־צענטער און אפילו אַ פּאָר עלטערע שול־יידן — אַלץ אַזעלכע פון די, וואָס עס יאָגט זיי נאָך אַ טאָג אַרבעט. מעג דאָס וועטער זיין ווי שלעכט, קומען זיי דאָ פאַרברענגען אַ צוויי־דריי שעה אין די אָוונטן און אין די סביבה׳ס פון די באַוועגונגען, אין וועלכע זיי לעבן זיך אויס אין דער פרייער צייט. אין דער אַלטער היים

זיינען זיי געווען קינדער פון פרומע טאַטעס און מאַמעס, אין חדרים און אין ישיבות געלערנט. די צייט האָט זיי אָבער פון די עלטערנס היימען אָפּגעריסן, אויף פאַרשידענע וועגן צע־וואָרפן, פון דער היימישער יידישקייט אָפּגעפרעמדט און פאַר־טראָגן. דעם צו דער, אָדער צו אַן אַנדערער פּאַרטיי־ריכטונג. אויף וואָס פאַר אַ וועג אָבער ער האָט זיך פאַרנומען און אין אידעאַלן געגלויבט — איז דאָס אַלץ געווען מיט די נאָך־אַלץ־טליענדיקע פונקען פון דער אַמאָליקער היימישער פרומ־קייט. און וואו מען האָט נישט געלעבט, וואו מען האָט זיך נישט געפונען; אין וועלכן לאַנד, אין וועלכער עס איז שטאָט — אַלץ געלעכצט נאָך עפּעס מיט וואָס זיך אויסצולעבן. און דאָ האָט זיך עס געפונען; דאָ, אין אָט דער גאַס האָבן זיך געפונען די היכל׳ען פון די פּאַרטייען און באַוועגונגען, אין וועלכע זיי לעבן זיך אוים די אַלע טעג דורכן יאָר. דאָ געפינען זיך די רעכטע און לינקע צענטערן, דאָס מקום־קדוש פון די פרומע שול־יידן, און דאָס לינת־הצדק־שולעכל.

אַנקומענדיק האָט דער עולם גענומען שפּאַנען אין פאַר־שידענע ריכטונגען. די פּאָר שול־יידן זיינען גיך פאַרשוואונדן אינעם שולעכל זייערן; די כאַווירים האָבן געאיילט צו אַ וויכ־טיקן מיטינג; די רעכטע — צום אָרדן־רינג־צענטער. אויפן וועג האָט דאָ און דאָרט אַ לינקער כאַווער אָנגעטראָפן אַ רעכטן קעגנער און אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אַ פיינטלעכן בליק, דאָס זעלביקע יענער — אים. און כאָטש מ׳איז איינער דעם אַנדערן פאַרבייגעגאַנגען, נישט אויסריידנדיק אַ וואָרט, האָט זיך געדוכט, ווי מען זאָגט זיך אַזוי שטומערהייט איינער דעם אַנדערן אַריין, באַשולדיקנדיק איינער דעם אַנדערן פאַר אַלדאָס בייז אויף דער וועלט. די לינקע האָבן זיך געפילט דערשלאָגן. די צייט אַרבעט קעגן זיי. האָבן זיי איצט זיך געמאַכט נישט־זעענדיק די רעכטע קעגנער, פילנדיק אַ ביטערן נאָך־טעם ביים טרעפן זיך מיט יענע. וואָרים די רעכטע זיינען פאַרביטערט ווי קיינמאָל נישט פריער. די וועלט־לאַגע לאָזט נישט רוען. אַנשטאָט בעסער — ווערט ערגער. די וועלט איז איין גרויסער פולווער־פאַס. די סכנה איז גרוים. ס׳לאַנד פון דער רעוואָ־

לוציע זידט מיט פייער, מיט טויט, רייצט מענטש קעגן מענטש, לאנד קעגן לאנד. מענטשלעך לעבן איז אזוי ביליק געוואָרן. ס'טוט וויי! אַ לעבן-לאַנג געקעמפט, די בעסטע יאָרן אָפּגעגעבן אין די קאַמפן פאַר פרייהייט, פאַר יושר, פאַר רעכט, פאַר אַ פאַרברידערטער מענטשהייט, און ווייַ וואָס ס'איז פון דעם געוואָרן! און זיי, די כאַוויירים דאָרטן, אויף יענער זייט גאַס, באַמקען צו אַלץ צו. האָבן די כאַוויירים די טענות אויף זיך געפילט, און צווישן זיי, מיט זיי, האָט זיך אויך געזען שפּאַנען דער גוט-באַקאַנטער כאַווער לייבקע.

דערנענטערנדיק זיך צום הויז פונעם לינקן אַרבעטער-קלוב, איז לייבקע אַ ווײַלע שטיין געבליבן מיט אַ געפיל, ווי די פיס וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט אים צו טראָגן ווייטער. ווי שטאַרק ס'האָט אים נישט געיאָגט צו קומען צום מיטינג, קעגנשטעלנדיק זיך דעם שניי מיטן ווינט וואָס נעמט דורך, האָט ער אָבער שוין אויך נישט געפילט מער דעם טעם, מיט וועלכן ער פלעגט דאָ קומען אין די פריערדיקע יאָרן. דעם ברען וואָס פלעגט ווי אויף פליגלען קעגן דעם ווינט טראָגן. מער ווי איין מאָל ווי ער פילט לעצטנס אויפקומען אין זיך אַ פאַרלאַנג איבערצורייסן שוין אויף תמיד מיט דער לינקער באַוועגונג. דער געדאַנק דאָ מער נישט צו קומען גראָבט אין אים שוין איבער אַ יאָר צייט. וואָרים זינט עס האָט זיך אויסגעשיילט דער שוידערלעכער אמת וועגן דעם וואָס זיי האָבן דאָרטן אַלץ גיט אָפּגעטאָן אין דעם לאַנד פון דער רעוואָלוציע, און דאָס — אינעם נאָמען פון דעם הייליקן אידעאַל זײַנעם — איז ער געוואָרן אויסער זיך פון צערודערונג. ס'איז שווער צו טראַכטן וועגן דעם רואיק, און טראַכטנדיק נישט אַרײַנצופאַלן אין אַ שטימונג פון יאוש און טרויער.

עפּעס פון דעם האָט זיך שוין לאַנג געטראָגן אין דער לופט. מען רעדט און מען שרײַבט וועגן דעם אין די צייטונגען. ס'דערטראָגן זיך אַלץ מער און מער סלוכן, רמזים, האַלבע רייד; דער האָט עפּעס געהערט, יענער האָט עפּעס דערציילט, אָבער דעם אמת ווייסט קיינער נישט. אַזוי לאַנג אָבער ווי דער פולער אמת איז נאָך אַלץ געלעגן פאַרבאָרגן אונטער

אַ דיקן שלייער פון געהיימנישן, איז ער נישט מיטגעריסן געוואָרן פון די אַלע גערעדערייען, און האָט דאָס גיכער אָנ־גענומען פאַר נישט עפּעס אַנדערש ווי נאָר פאַר בייזוויליקע ליגנס, פאַר בלבולים און פּראָפּאַגאַנדע מצד די שונאים און פאַרשווערער פון דעם קעגנערישן לאַגער. ניט נאָר האָט דאָס נישט אונטערגעגראָבן דעם צוטרוי זיינעם, נאָר פאַרקערט, נאָך געשטאַרקט אין אים דעם ברען, מיט מער פייער זיך אַריינצוּוואַרפן אין די פאַרטיי־טעטיקייטן, און דעריבער מיט מער פאַרביסנקייט גענומען באַקעמפן די אַמאָליקע חברים און היינטיקע שונאים, און מער ווי מיט אַלע אויף מעסער־שטעך געוואָרן מיט איינעם פון די הויפּט־טוערס אין יענעם לאַגער, מיט דעם יוגנט־חבר זיינעם נאָך פון דער אַלטער היים, מיט חיים־מאיר'ן, באַטיטלענדיק אים מיט אַלע נעמען וואָס זיינען אים נאָר אויף דער צונג געקומען:

— דעגענעראַט, פאַרקויפטע נשמה, מלחמה־צינדער, איסט בראָדוויי... — האָט ער אין די היציקע וויכוחים מיט יענעם געשריען אויף די העכסטע טענער, דראָענדיק דערביי מיט אַ פויסט אים און נאָך אָזעלכע צו אים — די רעוואָלוציע וועט אייך אַלע — — —

אויך דאַן בעת עס האָבן אַלץ מער און מער זיך דערטראָגן די מורא'דיקע אָפּקלאַנגען פונעם רשעות אין דעם לאַנד פון דעם הייליקן אידעאַל זיינעם און אַרויסגערופן — ביי וועמען אַ שטימונג פון יאוש, ביי וועמען שאַנד, ביי וועמען אַ ציטער אין הארצן — האָבן שוין אויך כאַווירים די קעפּ געבויגן, פאַרנאַכלעסיקט פאַרטיי־אַרבעט; מאַנכע זיינען אינגאַנצן אָפּ־געשטאַנען, איז לייבקע נאָך אַלץ אַ גוטער כאַווער פאַרבליבן און צו די צעטומלטע אָנהענגער גע'טענה'ט:

— גלויבט עס ניט, כאַווירים, הערט זיך ניט איין צו די פאַרשווערער; ס'איז אַלץ פּראָפּאַגאַנדע, אויסגעטראַכט פון די מלחמה־צינדער, פון דער איסט בראָדוויי־חברה, פון די חיים־מאיערס.

און הגם ס'איז מיט אַ צייט שפּעטער געקומען אַ טאָג, ווען דער אמת איז ענדלעך אויך דערגאַנגען צו כאַווער לייב־

קעם אויערן — און צי ער האָט יאָ, אָדער ניט געוואָלט — גע־צוואונגען געווען צו גלויבן אין דעם וועגן וואָס מען רעדט און מען שרייבט שוין אַזוי פיל יאָרן און יאָרן, איז אים נאָך אַלץ שווער געווען אָוועקצושטיין פון דער לינקער באַוועגונג. האָבנדיק פון לאַנג שוין איבערגעריסן מיט די טעטיקייטן אין דעם רעכטן אָרדן־רינג־צענטער, מיט די חברים דאָרטן, מיט וועלכע ער האָט אינאיינעם נאָך אין דער אַלטער היים, אין לאָדזש, אין פּוילן, און מיט יאָרן שפּעטער אין אַמעריקע אין דער וועבער־שטאָט פּעריסאָן יאָרן־לאַנג דעם קאַמף פאַרן אַר־בעטס־מענטש געקעמפט; דעם קאַמף פאַר אַ שענערער, פאַר אַ בעסערער וועלט — זייענדיק איצט צעריסן און צעטיילט אין צוויי פיינטלעכע לאַגערן — האָט ער זיך געפונען אין אַ לאַגע נישט פון אָרט זיך צו רירן: אַוועקגיין פון דאַנען — נישטאָ שוין וואוהין, און שווער איז דער וועג אויף צוריק. איז ער דעריבער געצוואונגען געווען צו פאַרבלייבן דאָ, וואו ער האָט זיך געפונען — צווישן די כאַווירים אין דעם לינקן אַרבעטער־קלוב.

און אויב אין לייבקען האָט נאָך געטליעט אַ פונק פון האָ־פענונג, איינרעדנדיק זיך, אַז ווער ווייסט... אפשר... אפשר איז דאָס אַלץ... איז דאָס שטיקל האָפענונג אויך צערונען געוואָרן אין יענעם טאָג ווען אין דעם לאַנד פון דער רעוואָלו־ציע איז עפּעס אומדערוואַרטעס געשען, אַזעלכעס אויף וואָס די וועלט האָט זיך נישט גערעכנט, און לייבקען צערודערט מיט אַ צערודערונג פון וואָס ער איז שוין מער צו זיך נישט גע־קומען. מיט דעם קראַך ווי פון אַן אויפרייס האָט זיך פון דאָרטן אַ קול איבער דער וועלט צעטראָגן. ס׳קול איז געווען פון דעם איצטיקן הויפּט־הערשער, זיך מודה־זייענדיק אויף די אַלע אָפּגעטוענע שוידערלעכע גוואַלדטאַטן אויף ווער ווייסט אַלץ וויפיל טויזנטער און טויזנטער מענטשן און אייגענע פּאַרטיי־כאַווירים. איז איצט לייבקען קלאָר געוואָרן, אַן יעדן צווייפל שוין, אַז נישט שונאים און בייזע גייסטער האָבן אויס־געטראַכט אָט דאָס אַלץ וועגן וואָס מען רעדט און מען שרייבט שוין אַזוי פיל יאָרן און יאָרן, דערציילנדיק צו וואָס די רעוואָ־

לוציע אין דעם לאַנד פון דעם הייליקן אידעאַל האָט דער־פירט; אַז — — —

אַנשטאָט באַפרייאונג — פאַרשקלאַפונג; דער פירער אַ מאָנסטער געווען, מיטן טייוול שותפות געמאַכט, די בעסטע, די איידלסטע מענטשן־קינדער אומגעבראַכט; מ'לעבט אין שטענדיקן טויט־שרעק; איינער מאָרדעט דעם אַנדערן; מענטשלעך לעבן איז הפקר; פאַר אַ וואָרט — דעם טויט; פעלקער אונטער די רעדער פון קאַנאַנען ליגן; די צונג פון זיין פאָלק אָפּגעשניטן; גאַרנישט איז דערלויבט; אויף די שרייבער און קינסטלער בלבולים געמאַכט, צעשאָסן, פאַר־שיקט געוואָרן אומצוקומען. און דער איצטיקער — נישט בעסער.

און כאָטש דאָס אַלץ איז שוין דערגאַנגען צו לייבקעס אויערן לאַנג, לאַנג פריער, איז דאָס אָבער נישט אַזוי שרעק־לעך געווען צו הערן, ווי בעת ס'איז איצט אַרויסגעקומען אָפּן פונעם מויל פון איינעם פון די מיט־באַטייליקטע אין די בלוטיקע פאַרברעכנס. האָט דאָס, וואָס ער האָט געהערט, אים אויפגעטרייסלט ביז צו די טיפעניש פון דער נשמה. ס'איז גע־ווען איבער דער פאַנטאַזיע זיך צו קענען אַזעלכעס פאָרשטעלן אָן אַ ציטער אינעם האַרצן, איבער די כחות דאָס צו פאַר־טראָגן. די שווינדלעכע נייעס איז געווען אַ קלאַפּ וואָס האָט אים פון די פיס געהויבן. שווער געווען צו באַנעמען מיטן שכל דעם זין פון די רשעות'דיקע מעשים, און וואָס איז נאָך שמערצלעכער — אין נאָמען פונעם הייליקן אידעאַל. ס'איז דאָך נאָך ערגער — האָט צו זיך געזאָגט — ווי אין דעם צאַרס צייטן!...

אין דעם אַרבעטער־קלוב איז אין יענעם אָוונט די שטימונג געווען אַזאַ דערשלאָגענע, וואָס עס קען ערגער נישט זיין. כאַווירים האָבן געשטוינט. מ'האָט זיך נישט געקוקט אין די אויגן. די פאַרביטערונג איז געווען גרויס. מאַנכע האָבן זיך געקאָכט אויף דער פירערשאַפט. די צעמישעניש איז גע־שטיגן מיט יעדער מינוט. אין דעם מאָמענט איז אויסגע־וואַקסן דער הויפּט־פּאַרטיי־טוער, כאַווער בערקע. ער האָט

זיך באַוויזן ווי שטענדיק אַרומגערינגלט מיט אַ גרופּע אָנ־הענגער ביי דער זייט. די כאַווײרים זיינען אים באַפאַלן מיט טענות, מיט פראַגן און געוואָלט וויסן וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן דעם אומקום פון ווער־ווייסט וויפיל טויזנטער און טוי־זנטער אומשולדיקע מענטשן און פרייהייטס־קעמפער; וועגן דער אויסראָטונג פון די יידישע וואָרט־קינסטלער; וועגן דער פאַרניכטונג פון אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט דער יידישער שפּראַך. צי האָט ער פון דעם געוואוסט? אויב יאָ, פאַרוואָס האָט ער דאָס אויסבאַהאַלטן און געשוויגן? כאַווער בערקע האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט זיך, ווי תמיד, געזעסן שטיין אין אַ רואיק־קאַלטער פּאָזע מיטן מיטלוואוקסיקן, ברייטפּלייצי־קן, סאָלידן גוף אין אַ שטייפער ווי סאָלדאַטסקער פּאָזיציע, שפּיזנדיק גלייכצייטיק מיט די שאַרפע אויגן־בליקן אויף די כאַווײרים אינעם זאַל. און אַזוי גיך ווי ער האָט באַנומען אין וואָס עס גייט, האָט ער מיט זיין שטרענג־באַפעלערישן קול באַלד שטיל געמאַכט די טענות־האָבער, אויפפאָדערנדיק אַלע־מען נישט מיטגעריסן צו ווערן מיט דעם היסטערישן שוים פון די גיפט־פאַרשפּרייטער; נישט צו פאַרלירן דעם גלויבן, און אַז אַלץ וועט זיך אויפקלערן, און געוואָרנט מיט די שטרענגס־טע קאָנסעקווענצן פאַר ברעכן די פּאַרטיי־דיסציפּלין. צו־הילף איז אים געקומען די כאַווערטעביילע, אַן עלטערע מיידל אי־בער די פופציק, פון נידעריקן וואוקס, מיט אַ רונד־דיקלעכער טאַליע און מיט אַ ביטערניש אויסגעגאָסן אויפן שוין־צעריצ־צלטן פּנים, וואָס האָט געמאַכט צו פילן ווי זי וואַרט נאָר אויף עפּעס אַ געלעגנהייט אויסצולאָדן אויף וועמען ניט איז ס׳ביי־טערע געמיט. זי האָט טאַקע מיט קיינעם פון די כאַווײרים נישט געלעבט בשלום, מיט קיינעם נישט געשטימט, פאַר אַ וואָרט זיך אויפגעקאָכט. דער איינציקער מיט וועמען זי איז יאָ אויסגעקומען, איז געווען מיטן פּאַרטיי־פּאָרזיצער, כאַווער בערקע, וועמענס ביטערע נאַטור האָט געשטימט מיט איר קריגעריש געמיט. נאָך איידער וואָס־ווען איז זי גלייך געווען אויף בערקעס זייט. ס׳דינע קול׳עכל אירס האָט זיך גלייך געלאָזט הערן איבערן זאַל, און מיט ברייט־אויפגעריסענע

אויגן געוואָרפן אַ שטעכיקן בליק אָט אויף איין כאַווער, אָט אויף אַן אַנדערן, אָט אויף שלמה'קען, באַלד אויף דעם הויכן בערישן, אויף גדליה'ן, הערשקען, ברוכ'ן — אויף יעדן פון די פון וועמענס מויל ס'האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אַ וואָרט פון קרי־טיק; זיך אויף זיי געוואָרפן מיט אַ טאַדלעניש: ערשטנס, פאַר ברעכן די אייניקייט; צווייטנס, פאַר אַרויסווייזן זיך צו זיין אַזעלכע שוואַכלינגע; פאַר העלפן גרעסער מאַכן די צעטומ־לעניש און פאַר אריינשפּילן אין די הענט פון אַלערליי שונאים און פאַררעטער.

לייבקע איז אָוועקגעשטאַנען פון אַלע, איז געווען אין קריג מיט זיך אַליין, פאַרביטערט ווי ער איז געווען, איז אים איצט ווייניק־וואָס אָנגעגאַנגען די טענות פון די כאַוויירים, און נאָך ווייניקער בערקעס און כאַווערטע ביילעס רייד, זאָגנדיק צו זיך: אַז וואָס שייך אים, איז וואָס עס זאָל שוין נישט פּאַ־סירן, קען ער מער קיינמאָל נישט שוין זיין דער כאַווער וואָס געווען, און דאָס איז נישט געווען אַבי געזאָגט. וואָרים מיט אַ צייט שפּעטער האָט ער זיך אַזוי געענדערט, אין דענקען און אין ריידן, אַזש נישט צו דערקענען. מיט יעדן טאָג אַלץ מער פאַרלוירן דעם אימפּעט און אינטערעס אָנצוגיין מיט די טעטי־קייטן אין דעם אַרבעטער־קלוב, פילנדיק ווי אינגאַנצן אַראָפּ־צוּוואַרפן פון זיך די לינקע בגדים און צו טאָן דאָס וואָס ער פילט שוין פון לאַנג צו טאָן — צו טאָן דאָס אומפאַרמיידלעכע; צו טאָן דאָס, וואָס אויב ער וועט עס ניט טאָן היינט, וועט ער דאָס טאָן מאָרגן; איינמאָל פאַר אַלע מאָל איבערצורייסן און אינגאַנצן אָוועקצושטיין פון דער לינקער באַוועגונג, פון דער פּאַרטיי, פון די מיטינגען, און מער פון אַלץ — פון דעם מיטינג היינטיקן אָוונט, וואָס פאַרשפּרעכט צו זיין דער שטורעמ־דיקסטער אין דער געשיכטע פון דער פּאַרטיי, וואָס וועט זיכער אויך אים אַריינציען אין אַ ביטערן שטרייט מיט דער פירער־שאַפט, מיט דעם האַרטן, קאַלטן פּאַרזיצער, מיט כאַווער בערקען, ווען ס'וועלן אויפגענומען ווערן די פראַגן פון די בלו־טיקע געשעענישן און פון דער נייער פּאַרטיי־ליניע.

— ווי שעמסטו זיך נישט נאָך דאָרטן צו קומען? — האָט

ער זיך געפּרעגט, און מיט אַ האַרץ פול מיט טרויער אויף דעם חורבן פון דעם הייליקן אידעאַל זיינעם, ענטפערנדיק זיך, גע־זאָגט: כ'קען טאַקע נישט, ניין, נישט מ־ע־ר!

נאָך איידער אָבער לייבקע האָט באַוויזן אַרויסצורײדן דאָס לעצטע וואָרט, איז אים, ווי מיט אַ ציטער, געקומען אויפן זכרון אַ קייט פון פּאַסירונגען, וואָס לאָזן זיך נישט פאַרגעסן. ניין, ווי שטאַרק ער האָט דאָס נישט געוואָלט, איז אים שווער געווען און נישט געקענט פאַרגעסן די איבער דרייסיק־יאָריקע אָנגע־העריקייט צו דער פּאַרטיי, ווי אַ פּירער און אַ טוער; זיך דער־מאָנט אָן דער ממש משפּחה'דיקער צוגעבונדנקייט צו די כאַ־ווײרים; די אָן אַ שיעור חדשים, טעג און יאָרן וואָס ער האָט אָפּגעגעבן דער באַוועגונג און צו די פּאַרטיי־טעטיקייטן, און צו די לאַנג־יאָריקע שטרייטן אין די שטורעם־און דראַנג־יאָרן אין די צייטן פונעם גאָלדענעם חלום און גרויסע האָפענונגען. דאָס אַלץ איז שוין צו־טיף געווען אַריינגעזויגן אינעם בלוט פון זיין האַרצן צו קענען עס אָט אַזוי, נישט מיר און נישט דיר, פון זיך אַרויסרייסן, ווי קיינמאָל נישט געווען. דערפאַר צי ער וויל יאָ, אָדער נישט, „יאָגט עס אים נאָך אַלץ צו די פּאַרטיי־מיטינגען, און מער ווי תמיד אויך אים געיאָגט, ווי צו פליען, צו דעם היסטאָרישן פּאַרטיי־מיטינג דעם היינטיקן אָוונט אין דעם אַרבעטער־קלוב.

ב.

— וואָס שטייסטו דאָ אין דער קעלט ? — האָט איין כּאַוועך נאָכן אַנדערן, באַגעגענענדיק לייבקען שטיין ביים אַריינגאַנג פונעם אַרבעטער־קלוב, אים געפרעגט — קום אַריין!

— נאָך צו־פרי, אָט באַלד — האָט לייבקע מיט אַ תירוץ זיך פון זיי אָפּגעוועגדט, קוקנדיק אַלץ מיט אַ סומנעם בליק אַרום זיך און אין דער גאָס אַרום.

אין דעם געדיכטן שניי האָבן זיך געזען טיפע פיס־טריט און רעדער־צייכנס פון פאַרבייפאָרנדיקע אויטאָמאָבילן. וואָס שפּעטער אינעם אָוונט איז אַלץ קעלטער געוואָרן. פון די ראָג־גאַסן האָבן זיך אָנגעטראָגן ווינטן מיט אַ וואָיען ווי פון וועלף אין אַ וואַלד. דער הימל איז פאַרצויגן געווען ווי מיט טשע־רעדעם בייכיקע וואָלקנס, הינטער וועלכע ס'האָט זיך קוים אַרויסגעזען דער בלייך־פּנים'דיקער לבנה'דיקער אָפּשיין, אַראָפּ־קוקנדיק מיט אַ בליק צו וועלן זען וואָס עס טוט זיך דאָרטן אונטן אויפן ערד־קוגל. די פּאָר גאַסן־לאָמפּן מיטן בלענדנדיקן ליכט אין די הייזער האָבן ליכטיקער געמאַכט די אָוונטדיקע טונקלקייט אינעם אומעטיק־שטילן געסל. און הויך דאָרטן, אויף די הינטערשטאָטישע בערגיקע געגנטן, האָט זיך די נאַכט געזען אין איר פינצטערן שלייער, אַרומשלייכנדיק ווי אַ שוואַר־צע קעניגין צווישן די בערג־שפּיצן, וואָס האָבן זיך געצויגן אַלץ העכער און העכער צום ווייטן הימלדיקן האָריזאָנט. מיט יעדער מינוט האָט די פינצטערניש אַלץ קענטיקער זיך גע־לייגט אויף די הייזער, אויף די מאַסיווע שטאָטישע בנינים און אויף די הויכע, ציקלדיקע מויערן פון די וועבער־שעפער, וואָס זיינען ווי קלענער און איינגעשרומפּענער געוואָרן אונטערן שוואַרצן צודעק פון דער פינצטערער נאַכט.

ווי אומעטום, האָבן זיך אויך דאָ אין אָט־דער גאָס שוין ווייניק מענטשן געזען. די וואָס האָבן געזאָלט קומען, זיינען שוין דאָ געווען. די געביידע פון דעם רעכטן אָרדן־רינג־צענטער

איז געווען העל־באלויכטן. דורך די פענצטער האט זיך געזען דער עולם אין די פארזאמלונגס־צימערן. אין דעם לינת־הצדק־שולעכל האבן זיך געזען יידן דאוונען מנחה־מעריב. א־ש־ר־י י־ו־ש־ב־י ב־י־ת־י־ך — און די ווערטער האבן זיך ארויסגעטראגן צום דרויסן און מיטן ווינט זיך געטראגן וויט־ווייט, ווער ווייסט וואו... אין דעם ארבעטער־קלוב האבן כאוויירים זיך געקליבן צום מיטינג, און לייבקע איז נאך אלץ נישט אריין, נאך אלץ געשטאנען אין דרויסן, אין א חשבון־הנפש'דיקער שטימונג, טראכטנדיק אז אלץ פאר דעם פארוואס ער האט געקעמפט האט זיך גארנישט ניט אויסגעלאזט, אויסגעוועבט דער גאל־דענער חלום, צערונען די האפענונגען. און איצטער וואס? — האט ער זיך געפרעגט — אפשר אנפאנגען פונדאסניי? און אין זיין עלטער? איז דאס מעגלעך? אויב נישט — וואס בלייבט צו טאן? צו בלייבן דא — אוממעגלעך; צו גיין פון דאנען — נישטא שוין וואוהין, און שווער איז דער וועג אויף צוריק.

אלץ מער און מער כאוויירים האבן זיך געזען קומען צום מיטינג. שוין לאנג־לאנג איז אזא גוט־באזוכטער פארטיי־מי־טינג נישט געווען. זינט דעם טאג דעם טראגישן, ווען יעדער איינער, יעדער מענטש מיטן נאמען מענטש, איז אויפגעשוי־דערט געווארן ביים דערוויסן זיך פון די רשעות'דיקע מעשים אין דעם לאנד פון דער רעוואלוציע, ווערן די מיטינגען אלץ ווייניקער באזוכט. יעדעס מאל פעלט עמיצער אוים. צעלאפן זיינען זיך די טעטיקסטע טוערס, וועמען מען האט נאך נעכטן געזען — נישטא היינט. געבליבן שוין גע־ציילטע. נישטא שוין באלד מיט וועמען א מיטינג צו עפענען; מיט יעדן טאג ווערט אלץ פוסטער און פוסטער אין די קלוב־צימערן.

אנדערש איז אבער געווען היינט.

היינט זיינען געקומען מער ווי דערווארטעט. ס'זיינען גע־קומען די נאך־איבערגעבליבענע, געטריי־פארבליבענע, און עס האבן זיך אפגעזוכט א סך פון די שוין לאנג־אוועקגעשטאנענע און פון די נישט־לאנג אוועקגעשטאנענע. די וויכטיקייט פון דעם מיטינג האט זיי צוריקגעבראכט. מ'האט זיך צוריק דער־

זען אָט־דאָ, וואו מען פּלעגט כמעט יעדן טאָג זיך טרעפן, און לעצטנס מער נישט געקומען, און טרעפנדיק זיך ווידער, באַגריסט איינער מיט דעם אַנדערן, מיט די אַמאָליקע וואַרעמע האַנט־דרוקן.

— האַלאָ, ברוכ׳קע, זיך שוין לאַנג נישט געזען. וואָס מאַכט מען?

— און ווי גייט עס דיר, מנחם, האָ? וואָס זעט מען דיך דאָ מער נישט?

— ס׳איז דאָ אַ סך צו ריידן וועגן דעם, ברוכ׳קע, אָבער נישט איצט — אַן אַנדערש מאָל...

— און דו, לייבקע, ווי גייט עס דיר? קוקסט נישט אויס צו־גוט, זעסט אויס אַזוי טרויעריק געשטימט. און וואָס האָסטו צו זאָגן וועגן...

— כ׳האָב צו זאָגן אַ סך, הערשקע, האָב געדולד...

און כאָטש ס׳האָט זיך קיינער ניט אַרויסגעגעבן, איז לייבקען געוועז גרינג צו דערפילן אין זיי דאָס וואָס ער אַליין לעבט דורך, און אַריינשפּאַנענדיק אין דעם פּאַדערשטן צימער פונעם אַרבעטער־קלוב באַלד דערפילט אַז ער האָט דאָ נאָך שותפים צו זיין צער און טרויער אָנגעטראָפן — אַ גרופּע חברים, וואָס האָבן, ווי ער, זיך געעלטערט אין דער פרייהייטלעכער באַוועגונג; ווי ער די ערשטע רעוואָלוציאָנערע דערציאונג אין דער אַלטער היים געקראָגן; ווי ער דורכגעמאַכט דעם רעוואָלוציאָנערן עטאַפּ פון סטרייקס און אויפשטאַנדן קעגן דער צאַרישער רעגירונג; ווי ער אין געפענגענישן געזעסן, פאַרשיקונגען אָפּגעריכט; ווי ער מיט יאָרן שפּעטער קיין אַמעריקע געקומען און אין דער וועבער־שטאָט פעריסאָן זיך באַזעצט; ווי ער האָט אויך דאָ דעם רויטן פאָדעם פון דער פרייהייטלעכער באַוועגונג ווייטער געשפּונען: יוניאָנס געבויט, קאָאָפּעראַטיוון געגרינדעט, אָרדן־רינג־ברענטשעס, די פּאַרטיי, דעם אָרדן־רינגצענטער, און וואָס נישט אַלץ? נאָר אָט האָט עפּעס אויף דער וועלט פּאַסירט, וואָס האָט דעם וועג זייערן פאַרקירעוועט פון רעכטס אויף לינקס — ס׳איז אויפגעקומען דאָס לאַנד פון דער רעוואָלוציע.

— דאָס איז עס — יאָ, אַט אויף דעם האָבן מיר דאָך אַ לעבן־לאַנג געוואַרט, אַ לעבן־לאַנג געהאָפט און גע׳חלום׳ט דאָס צו דערלעבן — האָבן די חברים אין יענער צייט מיט פרייד צווישן זיך גערעדט, און איינער נאָכן אַנדערן איז מען איבער־געגאַנגען פון דער רעכטער צו דער לינקער ריכטונג, איבער־רייסנדיק מיט די אָרדן־רינג ברענטשעס, מיט די יוניאָנס, מיט דער פּאַרטיי, מיט די קאָאָפּעראַטיוון; פון אומעטום אַוועק און אַלץ מיטשלעפּן געוואָלט, אַלץ איבערנעמען, איבער אַלץ די אויבערהאַנט געוואָלט האָבן — אַלץ געהערט צו אונדז. און אַז דער רעכטער צד האָט זיך געשטעלט קעגן, אויף טויט־און־לעבן געקעמפּט און מיט ציין־און־נעגל אַלץ פעסט אין די הענט געהאַלטן, האָט מען אַן אייגענעם אָרדן געגרינדעט, אַן אייגע־נע פּאַרטיי, אַן אייגענעם קאָאָפּעראַטיוו, אַן אייגענעם אַרבע־טער־קלוב, און פון דאַנען — מיט די נעכטיקע חברים — גע־נומען קעמפן, פאַרניכטן געוואָלט וואָס נעכטן געבויט, פאַר־שפּיגן וואָס ס׳איז נעכטן הייליק געווען, מיט די שונאים ביז בלוט זיך געשלאָגן, מיט די ערגסטע זידל־ווערטער זיי גערופן. אַלץ איז רעכט, אַלץ איז הייליק געווען אין דעם קאַמף פאַר דעם לאַנד פון דעם הייליקן אידעאַל זייערן.

אָך, ווי ס׳האָבן דאַן געפאַרן געלויערט, ווי ס׳האָבן אויגן געשפּיזט... נאָכגעפאָרשט יעדנס גאַנג און קער, ווי מ׳האָט אויף זיי מיט די פינגער געטייטלט, אין יעדנס פאַרגאַנגנהייט אַריינגעקוקט. ס׳האָט אָבער קיינעם נישט אָפּגעשראָקן; ס׳האָט קיינער נישט דעם מוט פאַרלוירן. די אויגן פול מיט פייער, די הענט אין פויסטן געבײַלט, איז מען אַן מורא קעגן דעם שטראָם געגאַנגען, די לעבנס גרייט געווען אָפּצוגעבן, און אין רייען געשלאָסענע באַזעלט מיט מוט און גלויבן, מיט פעסטע, זיכערע טריט אַלץ פאַרויס און פאָרויס מאַרשירט, ביז... אַ, ביז — — —

אָך, ווען מען וואָלט דעמאָלט געקענט אַריינקוקן אינעם מח פון איינעם פון אַט־די כאַוויירים און זען וואָס עס טוט זיך דאָרטן אָפּ! — באַדאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזן דאָס אויס־צוהאַלטן און בלייבן ביים זינען.

האָבן זיי איצט, וואַרטנדיק אויפֿן מיטינג, דערווייל פֿאַר־בראַכט ביים לייען־טיש, ווער אַריינקוקנדיק אינעם פּאַרטיי־בלעטל, אין אַ זשורנאַל, אָדער אין אַ בוך. ביי אַ וואַנט איז אַן אָפּגעזונדערטער און איינגעגיורעטער געזעסן דער קרומער גדליה. אַמאָל אַ זייל פֿון דער באַוועגונג געווען, אַ באַרעדעוו־דיקער, אַ היציקער דעבוטאַנט געווען; איצט אָבער קאַלט און שטום, שווער פֿון אים אַ וואָרט אַרויסצוקריגן, ווי ס'וואָלט אַ שלאָס אים אויפֿן מויל געהאַנגען. אַ קלוגער מענטש, שטענדיק געהאַט וואָס צו זאָגן. איצט — ס'לשון פֿאַרלוירן. אַ צווייטער כאַוועך, דער הויכער בעריש, אַ טוער וואָס שווער צו געפֿינען זיין גלייכן, האָט אַרומגעשפּאַנט אַ ביטערער איבערן צימער און געווען אַ מורא אים עפּעס צו פֿרעגן. אַ דריטער, דער שטענ־דיק־שווייגנדיקער און פֿאַרטראַכטער הירש, איז געזעסן ביי אַ פֿענצטער, אַרויסקוקנדיק צום פֿינצטערן דרויסן און צום פֿאַר־וואָלקנטן הימל. אַנדערע האָבן שטייענדיק צווישן זיך גע־רעדט, און ווען וואָס מען האָט נישט גערעדט, איז מען אַלץ אַרויפֿגעקומען אויף דער טעמע פֿון די טרויעריקע פּאַסירונגען צוליב וואָס דער מיטינג איז גערופֿן געוואָרן. מיטאַמאָל איז שטיל געוואָרן, ווען די טיר האָט זיך אָן עפֿן געטאָן און ס'האָט זיך באַוויזן די נידעריקע, פֿולע פֿיגור פֿון דער כאַווערטע ביילע. און ווי נאָר זי האָט זיך באַוויזן, איז זי, אָן אַ וואָרט אויסצו־ריידן, און מיט אַ מינע ווי זי וואָלט דאָ מיט אַלעמען צעקריגט געווען, מיט גיכע טריט אַריין אין דעם גרויסן פֿאַרזאַמלונג־זאַל. די טיר האָט זיך געהאַלטן אין איין עפֿענען. אָט איז אויך שוין אָנגעקומען דער קאָפּ פֿון דעם הייננטיקן מיטינג, דער כאַ־וועך בערקע, דער פֿאָרזיצער, שפּאַנענדיק ווי געווייינלעך מיט אַ שטייף־אויסגעצויגענעם ווי סאָלדאַטסקן גאַנג, טראָגנדיק עפּעס אונטערן אָרעם און אַרומגערינגלט מיט אַ סוויטע אָנ־הענגער. אַריינקומענדיק האָט ער, צוערשט אָפּמעסטנדיק אַלע־מען מיט אַ דורכדרינגנדיקן בליק, דערנאָך מיט אַן אויפֿגעהויי־בענער האַנט, באַגריסט דעם עולם. זיין אָנקומען איז באַגעגנט געוואָרן פֿון מאַנכע מיט אַ שטילשווייגעניש, און פֿון אַנדערע מיט הענט־אָוואַציעס, אויף וואָס ער האָט געענטפֿערט מיט אַ

נייגן דעם קאָפּ. דער לעצטער איז ענדלעך אויך אַריין כּאָווער לייבקע. ער האָט איצט אויסגעזען אינגאַנצן באַרואיקט. און באַגריסנדיק זיך מיט די, וואָס ער האָט געוואוסט אַז זיי טיילן זיין מיינונג, חבריש זיך נאָכגעפרעגט:

— וואָס מאַכט מען, כּאַווירים? אַ סך פון אייך דאָ שוין לאַנג נישט געזען! נו, ווי עס זאָל נישט זיין — גוט געטאָן וואָס איר זייט געקומען.

—אוודאי געקומען הערן וואָס מיר האָבן דערלעבט — האָט דער הויכער בעריש צוגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער מיט אַ פּאַר־קרימעניש, וואָס האָט געשראָקן אויף אים אַ קוק צו טאָן.

פונעם גרויסן זאַל האָט זיך אָן עפּן געטאָן די טיר און ס׳האָט זיך דערזען אַ קאָפּ מיט צעפּאַטלטע האָר און מיט אַ פעסטן קול צו די אינעם לייען־זאַל גערופן:

— וואָס זיצט איר נאָך דאָ, כּאַווירים? ס׳ווערט שפּעט. דער מיטינג פאַנגט זיך אָן.

דער ערשטער איז אַריין לייבקע, און שפּאַנענדיק נאָך אים, די אַנדערע כּאַווירים.

אינעם זאַל האָט לייבקע מיט אַ נייגעריקן בליק אַרומגע־נומען דעם עולם. די בענק זיינען געווען געדיכט באַזעצט, פאַרנומען ביזן לעצטן זיץ־פּלאַץ. אַנדערע זיינען געשטאַנען אַרום די ווענט. צווישן די פאַרזאַמלטע האָבן זיך אויך געזען אַ גרויסע צאָל פרויען. ס׳האָט יעדערער געמאַכט זיכער צו האָבן נעבן זיך די פרוי זיינע. די פאָדערשטע בענק וואָס צו דער בינע זיינען פאַרנומען געווען פון די געטרייסטע פּאַרטיי־חסידים, פון די וואָס זיינען געבליבן וואָס געווען; פאַר וועלכע ס׳איז געווען אומדערלאָזבאַר דער געדאַנק צו באַדאַרפן זיך, חלילה, אומקערן צוריק אין דער פאַרהאַסטער סביבה פון די רעכטע אָרדן־רינג קעגנער. צו די האָט אויך געהערט די כּאַ־ווערטעביילע. זי איז קוים איינגעזעסן אויף איר אָרט, האָט אַלע ווײַלע אַ קער־געטאָן מיטן פּנים צו די פאַרזאַמלטע הינטער זיך, און איז געווען אויסער זיך איבערראַשט פון דעם היפּש־גרויסן עולם, זיך געפרייט מיט אַ נצחון־שמייכעלע, אָבער זיך אויך געשראָקן... האָט דאָ און דאָרטן צו עמיצן אַ שמייכל

געטאָן, אָדער אַ בייזלעכן בליק געוואָרפן צו עמיצן הינטער זיך, וואָס איז באַקאַנט געוועזן צו זיין איינער פון דער קעגנערישער גרופּע. די ביטערסטע בליקן זיינען אָבער געווען געווענדט אויף דער זייט פון לייבקען. אין דער לופט האָט זיך שוין גע־פילט אַ קריגערישע שטימונג נאָך איידער דער מיטינג האָט זיך רעכט אָנגעפאַנגען.

די מייסטע פון דעם פאַרזאַמלטן עולם זיינען געווען אַרי־בער די מיטעלע יאָרן; די גרעסטע צאָל שוין „ריטייערטע", אויסגעדינטע אַרבעטער פון די וועבער־שעפּער. די צייט האָט קיינעם פון זיי נישט געשאָנעוועט: ווען דעם גוף אין דרייען צעבויגן; ווען דאָס פּנים מיט אַסיענדיקער פאַרוועלקונג פאַרוויאַנעט; ביי ווען ס'האָבן דיקע קישעלעך הינטער די אויגן זיך געגרונדיקט; ביי אַנדערע — די האָר זילבער־ווייס. מיד, הייזעריקלעך ס'קול, שווער אפילו אויף די פיס, שאָטנס פון דעם וואָס מען איז אַמאָל, דוכט זיך, ערשט נעכטן געווען. און דאָך, ווי די צייט האָט אויף אַט־די מענטשן די אכזריות'דיקע זקנה אַרויפגעצווינגען און פיזיש צעבראָכן יעדן מיט עפּעס אַן אַנדערער קראַנקהייט. אָבער דעם גייסט זייערן איינברעכן — דאָס איז געווען איבער די כחות אירע. אַט־דער גייסט איז נאָך אַלץ געווען דורכגעדרונגען מיט די אידעאַליסטישע שטרעבונגען פאַר אַ בעסערער און שענערער וועלט, אָן נויט און אָן מלחמות, ווי מען האָט פאַר דעם אָנגעפאַנגען קעמפן אין די אינגערע יאָרן. דאָס זיינען אַלץ געווען די זעלביקע אַרבעטס־מענטשן, וואָס דער ווינט פון אַ בייזער צייט האָט זיי פון דעם גרויסן אָרדן־רינג־בוים אָפּגעריסן און דאַ־אַהער פאַרטראָגן.

דער זאָל איז געווען העל־באַלויכטן און דאָס עלעקטרישע ליכט האָט בלענדנדיק אָפּגעשלאָגן אויף דער גרוי־קעפּיקער מאַסע. די בינע־וואַנט איז באַצירט געווען מיט בילדער פון שרייבער, פירער און דענקער, צווישן וועלכע ס'האָבן פּראָ־מינענט פיגורירט צוויי גאָר־גרויסע פּאָרטרעטן: אַ בילד פון אַ מענטשן מיט אַן־עטוואָס מילד געזיכט, אַ שטערן אין טיפער פאַרטראַכטקייט, צוויי שאַרפע אויגן טיף אַריינגערוקט אינעם קאָפּ, מיט צו־ביסלעך האָר אַרום דעם נאַקעטן שאַרבן — לענין.

ס׳צװייטע בילד פֿון אַ פֿעסט־געבויטן, ברייטפּלייציקן מאַן אין אַ מיליטערישן יוניפֿאָרם, אַ װאָגיקער, מיט אַ בייזלעך געזיכט און מיט אַ גלייך־געשװירענעם קאָפּ האָר, אַ שטערן װי פֿון האַרטן אַספֿאַלט, אַ שליאַכטשישע װאָנצע מיט גרויסע ברעמען איבער קאַלט־בליקנדיקע אויגן פֿון אַ בייזן מענטשן — סטאַלין.

שוין געװען באַלד אַכט אָװנט. אָט־אָט און דער מיטינג װעט זיך אָנפֿאַנגען. אין דער באַשטימטער צייט איז פֿון אַ זייטיק צימערל אַרוים כּאַװער בערקע, דער פּאָרזיצער; נאָך אים — די פּאַרטיי־סעקרעטאַרן מיט פּאָרטפֿעלן אונטער די אָרעמס, און ס׳האָט יעדערער פֿאַרנומען זיין אָרט. נאָכן אַרויפֿשטייגן אויף דער בינע, שטייענדיק שוין ביים רעדנער־שטענדער, האָט בערקע אַ נייג טוענדיק דעם קאָפּ צו אַ פּאָר אַפּלאָדירנדיקע כאַװיירים, אַ קלאַפּ געטאָן הויך מיטן האַמער ס׳זאָל װערן שטיל. ס׳איז טאָקע גלייך שטיל געװאָרן. מיט דער שטילקייט איז אָבער די שטימונג יעדע מינוט געװאָרן געשפּאַנטער. כאַװער בערקע, װאָס װער אַלץ ס׳האָט זיך לעצטנס פֿאַרלוירן, ניט ער; װער אויף װעמען די טרויעריקע געשעעניש האָבן געװירקט צו ביימן די איבערצייגונגען, אָבער ניט אויף אים; װאָס װעמען די צייט האָט שװאַך געמאַכט — ער אָבער איז געבליבן װאָס געװען. װער ס׳האָט פֿון דער ליניע אָפּגענייגט — ניט ער; װער ס׳האָט די פּאַרטיי פֿאַרלאָזט — ער איז געבליבן. שוין געבליבן געציילטע, פֿירט ער מיט די געציילטע די אַרבעט אָן. עפֿענענדיק דעם מיטינג האָט בערקע מיט די ערשטע פּאָר װערטער באַלד געמאַכט צו פֿילן דעם עולם זיך צו האַלטן אין דער מדרגה פֿון גוטע פּאַרטיי־לייט, און כאָטש ס׳איז נאָך פֿאַרלויפֿיק נישט געװען איבער װאָס צו קאָכן זיך און ס׳איז נאָך נישט געקומען אַרויסצואװייזן די מאַכט זיינע פֿון אַ פֿירער, האָט ער שוין באַצייטנס געלאָזט הערן די שטימע מיט יענער שטרענגקייט װי בעת אַ מיטינג װען ער איז נישט איינשטימיג מיט עמיצנס אַ מיינונג, זאָגנדיק יענעם אַז ער רעדט נישט צו דער זאַך, אונטערברעכנדיק אים אין מיטן ריידן מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ פֿונעם האַמער, זאָגנדיק:

— דער ענין איז ניט צו דעבאַטירן; כאַווער נחמן, זיצט! זיצט!

דער כאַווער נחמן פלעגט טאַקע מער נישט מאַכן אַ פאַר־זוך צו ריידן און געבליבן זיצן שטיל אויף זיין אָרט. וואָרים קעגנצוריידן בערקען האָט געמיינט אַרויפצוציען אויף זיך אַ חשד פון אומגעטרייקייט, אָדער נאָך עפּעס ערגערס — אין פאַרראַטן אים. וויסנדיק מיט וועלכע פאַרדאַכטן דער כאַווער בערקע טראָגט זיך אַרום, נישט נאָר אין באַצוג צו די וואָס פון די קעגנערישע לאַגערן, נאָר אויך אויף אַ גאַנץ סך אייגענע פּאַרטיי־טוערס, געטרויט נישט אפילו די סאַמע נאָענטסטע, זעט נאָר אַרום זיך פאַרשווערער, פאַררעטערס וואו נאָר אַ קער און ווענד, געזען שונאים, קעגנער מיט פאַלשע מאַסקעס אויף די פּנים'ער גרייט צו פאַרראַטן די באַוועגונג — וויסנדיק דאָס פלעגן די מייסטע כאַווירים זיך אויסהיטן פון אַרויפציען אויף זיך חשדים פון אומצוטרוי צו אים. אַזוי איז דאָס געווען ביזן היינטיקן מיטינג. איצט אָבער, דאָס מאָל, איז שוין גאַנץ אַנ־דערש געווען, נישט ווי ביז היינט.

שוין נישט געווען מער די מורא צו לאָזן פאַלן אַ וואָרט; שוין נישט געווען מער אַ מורא צו לאָזן הערן די שטים און צו זאָגן וואָס מען וויל אַלץ זאָגן, צי דאָס וועט יאָ, אָדער נישט גע־פעלן זיין בערקען. נאָך מער: ס'האָט זיך קיינער אויך מער נישט געשראָקן קעגנצוריידן אים, בערקען אַליין, אָדער צו ציי־טערן פאַר דעם אָנבליק פון די שפּיזיקע אויגן זיינע, צי פונעם הויכן, שטרענגן קול ביים ריידן. דאָס האָט זיך טאַקע אָפּגע־שפּיגלט ביים איצטיקן מיטינג.

אין אָנפאַנג, אַזוי לאַנג ווי ס'זיינען פאַרהאַנדלט געוואָרן בלויז רוטינע פּאַרטיי־ענינים, ווי דאָס פאַרלייענען צושריפטן, ס'אויסהערן קאָמיטעט־באַריכטן, דער אַפּיל פאַרן פּאַרטיי־בלאַט, פאַרשלאַגן וועגן ווייטערדיקער אַרבעט — איז אַלץ דורכגעגאַנ־גען כשורה. כאַווער בערקע האָט געהאַלטן אין איין פרעגן ווער ס'איז „דאַפיר", און ס'איז קיינער נישט געווען דערגעגן.

און ס'האָט קיינער נישט פון דעם עולם אונטערגעבראָכן בערקען אויך דאַן, ווען ער האָט ווידער אַמאָל זיך אַרויפגע־

וואָרפֿן אויף די שונאים און פֿאַרלוימדערס וואָס אין דעם אָרדן־רינג־צענטער, באַשולדיקנדיק זיי אין דערפֿירן צו די בלוטיקע פּאַסירונגען, און ווי אַלע מאָל די שאַרפֿסטע פֿיילן געוואָרפֿן אויף דעם קאָפּ פֿון דעם ביטערסטן קעגנער אין יענעם קרייז, אויף חיים־מאיר׳ן, וואָס די שנאה זיינע צו כאַווײרים איז אַזוי גרויס, אַז ווען ער קען, דערציילט מען, וואָלט ער זיי אויף שטיקער צעריסן און געגעסן. אויך דאָס האָט דער עולם שטיל־שווייגנדיק אָראָפּגעשלונגען. די איינציקע וואָס האָט זיך גע־לאָזט הערן, איז געווען די כאַווערטע ביילע, אַפּלאָדירנדיק יענעמס רייד, אויסשרייענדיק מיט היץ:

— גערעכט, כאַווער בערקע, אַלץ וואָס איר זאָגט וועגן זיי. זיי זיינען דאָס!

ווי נאָר דער מיטינג האָט זיך אָבער אָפּגעפּאַרטיקט מיט די רוטינע פּאַרטיי־פּראַגן און ס׳זיינען אויפגענומען געוואָרן צו פֿאַרהאַנדלען די צוויי וויכטיקסטע פּונקטן אויף דעם טאָג־אָר־דענונג — די בלוטיקע געשעענישן און די גוטהייסונג פֿון דער נייער פּאַרטיי־ליניע — האָט זיך די שטימונג אויגנבליקלעך געביטן. ס׳האָט זיך געפֿילט ווי ס׳איז געקומען דער שעת־הכושר אויסצולאָדן דעם סכום פֿונעם אָנגעזאַמלטן צער און צאָרן, וואָס האָט מיט אַלע כחות זיך געריסן געהערט צו ווערן, און כאַווער בערקע איז געווען געצוואונגען אָפּצושטעלן דעם וואָגן אין מיטן בעסטן פֿאָרן. דער וועג איז ווי פֿאַרשטעלט גע־וואָרן פֿון אַ מאַסע אויפגעהויבענע הענט. כאַווײרים האָבן גע־בעטן וואָרטער. וואו ס׳איז נאָר געווען אַ כאַווער אינעם זאַל, האָט ער זיך פֿאַרשריבן צו ריידן. צום וואָרט האָבן זיך אויך געמאָלדן אַזעלכע, וואָס פֿלעגן זעלטן אַמאָל זיך לאָזן הערן. דאָס זיינען געווען די שטילערע, די פּאָר וועלכע אַנדערע פֿלעגן פֿאַר זיי ריידן. ס׳האָבן זיך כסדר געהערט רופֿנדיקע קולות: „כאַווער בערקע, איך בעט אַ וואָרט!" „כאַווער בערקע, פֿאַר־שרייבט מיין נאָמען!" ווער עס האָט דאָס פֿאַרלאַנגט מיט אַ שטילן, נעבעכדיקן טאָן, און ווער פּשוט פֿאָדערנדיק דאָס אָן מורא הויך אויפֿן קול. כאַווײרים זיינען געשטאַנען אויף די

פּים, געהויבן די הענט פאַר ווערטער, איבערשרייענדיק איינער דעם אַנדערנס נאָמען. ס'האָט זיך געדוכט ווי עס הערן זיך מער נעמען ווי עס זיינען דאָ מענטשן אינעם זאַל, גלייך ווי צו דער קליינער גרופּע פאַרזאַמלטע כאַווירים, ערגיץ אין אַ מי־טינג־זאַל אין פּעריסאָן, וואָלטן צוגעשטאַנען נאָך כאַווירים אין די טויזנטער און טויזנטער פון אומעטום אויף דער וועלט, ווער ווייסט פון וואַנען אַלץ וואָס רייסן זיך צו ריידן און גע־הערט צו ווערן. ס'איז געווען אַן אָנזאָג פון דעם בעפאַרשטיי־ענדיקן קאַמף, וואָס האָט זיך דערנענטערט מיט גיכע טריט. ס'איז נאָך נישט קלאָר געווען ווער ס'איז ווער; ווער ס'איז אויף דער, אָדער אויף דער קעגנערישער זייט, און ווער ס'איז נאָך אומזיכער צו וועמען צוצושטיין. וועמען־וועמען, כאַווער בערקען האָט מען נישט באַדאַרפט דערציילן וועגן דער ערנסט־קייט פון דעם מאָמענט. ער האָט דערפילט די געפאַר מיט יעדן צי פונעם אָטעם און זיך גערייט אויפצונעמען דעם קאַמף אַזוי ווי ער קען און ווי ער האָט דאָס שוין געטאָן נישט איין מאָל פריער. צו קעמפן, צו שטרייטן און מלחמה צו האַלטן — דאָס איז ווי געלעגן אין דער נאַטור זיינער. זייענדיק בטבע אַ מענטש פון מוט און טעמפּעראַמענט, אַ געוואַגטער, באַנוצנדיק צום מויל, אויב נייטיק, אויך די הענט וואָס קענען נעמען און געבן אַ קלאַפּ. אַהערקומענדיק פון דער אַלטער היים מיט אַ רעקאָרד פון נקמה־אַקטן קעגן די צאַריסטישע פּאָליציי־לייט, האָט ער זיך מיט דעם אויסגעטיילט פון די אַנדערע כאַווירים, און מיטן אויפקום פון דער לינקער באַוועגונג דערהויבן געוואָרן צו שטיין אין דער שפּיץ פון דער פּאַרטיי, האָט אויך איצט אין אים זיך אַ צינד געטאָן ס'בלוט פון וואָס דאָס פּנים איז אים רויט גע־וואָרן ווי אַ שטיק פייער און דערמאָנט אָן דעם בערקען פון דער אַלטער היים. און אַנשטאָט וואָס ער איז ביז איצט גע־שטאַנען איינגעבויגן אַ רואיקער איבערן עמוד, זיך אַ שטעל געטאָן אין אַ שטייפער, אויסגעצויגענער פּאָזיציע, ווי צו אַ שלאַכט, דורכשפּיזנדיק דעם עולם מיט שאַרפע בליקן און מיטן שטרענג־באַפעלערישן טאָן, קלאַפּנדיק הויך מיטן האַמער, גענו־מען וואָרענען די פאַרזאַמלטע כאַווירים:

— האַלט זיך רואיק, כאַוויירים! כ׳בעט ריידן קורץ און צו דער זאַך, און געדענקט — האַלט זיך אין אָרדענונג!

דער ערשטער צו קריגן דאָס וואָרט איז געווען איינער, נישט סתם אַ כאַווער, נאָר אַ כאַווער מיט אַ נאָמען; איינער וואָס איז געווען פון די סאַמע ערשטע שפּאַלטער אָפּצורייסן זיך פון דעם אָרדן־רינג און איבערצוגיין צו דער לינקער באַוועגונג, און די אַרבעט וואָס ער האָט געטאָן דאָרטן, איבערגעטראָגן אַהער; איינער, הגם נישט אַ געקרוינטער פירער, איז ער אָבער ווי אַזעלכער באַטראַכט געוואָרן; אַ מענטש מיט אַן אומבאַפלעק־טער רעפּוטאַציע, די ערלעכקייט אַליין — כאַווער לייבקע.

און אַט פון דער מינוט אָן וואָס לייבקע האָט זיך געזען צושפּאַנען צו דער בינע, איז אַנטשטאַנען אַ שטילקייט אינעם זאַל, ווי ס׳וואָלטן זיך ביי אַלעמען די אָטעמס אָפּגעשטעלט. נישט געווען צו הערן אַ וואָרט, אַ הויך פון אַן אָטעם. ס׳איז געווען אַ שטילקייט וואָס האָט געזשומעט מיט אַ נייגעריקער געשפּאַנטקייט צו ווען הערן וואָס אַזאַ כאַווער ווי לייבקע האָט איצט צו זאָגן. ס׳האָט קיינער זיך נישט פאַרגונען אַ באַ־וועג צו טאָן. ווי צוגעשמידטע געזעסן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן געווענדט צו דער בינע, וואו לייבקע איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, מיט אַ בלייך־צערודערטן אויסזען, אָטע־מענדיק שווער מיטן האַרץ, און אָנגעפאַנגען צו ריידן מיט אַ ציטערדיק שטיל, קוים־הערבאַר קול. ס׳האָט זיך געהערט ווי מען רופט צו אים:

— העכער, העכער, העכער, כאַווער לייב!

געווען שווער צו פאַרשטיין און מאָדנע צו זען ווי לייבקע באַמיט זיך מיט אַלע כחות און קען דאָך נישט באַוועגן צו הייבן די שטימע זיינע צו ריידן העכער. די וואָס אויף די פאָ־דערשטע בענק האָבן ווי עס איז אים געקענט הערן; צו די אָבער, וואָס אויף די אונטערשטע בענק, ביי דער טיר, איז דאָס קול זיינס נישט דערגאַנגען. צו זייערע אויערן האָבן דערגרייכט עפּעס צעריסענע זאַצן, אַ וואָרט יאָ און אַ וואָרט נישט. מ׳האָט געהאַלטן אין איין רופן צו אים און אין איין בעטן זיך ער זאָל ריידן העכער. און אַז ס׳האָט אַלץ נישט געהאָלפן, און דער

עולם איז ענדלעך מיד געוואָרן, צופרידנשטעלנדיק זיך שוין מיט דעם וואָס ס'איז יאָ מעגלעך געווען צו דערהערן — אָט גראָד דאָן, האָט די שטימע זיינע זיך פּלוצים צעוואָרעמט און זיך געהויבן מיט אַזאַ כח'דיקן, אויפברויזנדיקן טאָן, וואָס האָט מיטגעריסן די ווענט פונעם פאַרזאַמלונג-זאַל. יעדעס וואָרט האָט זיך איצט געטראָגן מיט אַ קלאָרן, הילכיקן טאָן איבער די קעפּ פון דעם פאַרזאַמלטן עולם און צוריק אָפּגעקלונגען מיט אַזעלכע עכאָדיקע קלאַנגען, גלייך נישט ער, לייבקע אליין, וואָלט גע־רעדט ערגיץ אין אַ פאַרזאַמלונג-פּלאַץ אין פּעריסאָן, נאָר אַז דורך זיין מויל ריידן נאָך כאַוויירים, אין די טויזנטער און טוי־זנטער פון אומעטום אויף דער וועלט, ווער ווייסט פון וואַנען אַלץ. איינהערנדיק זיך, איז דער עולם ווי אויפגעשפּרונגען פון די ערטער, הערנדיק וואָסערע ווערטער עס קומען איצט אַרויס פון לייבקעס מויל און מיט חידוש זיך געפרעגט איינער ביים צווייטן:

— לייבקע זאָל אַזוי ריידן?! ער?! ער?! ער, וואָס פלעגט אַלץ גוטהייסן?! ער, ער וואָס מען האָט פאַר אים נישט גע־טאָרט אַרויסברענגען אַ וואָרט פון קריטיק — ער זאָל אַזוי ריידן?! לייבקע האָט עס אָבער באַלד קלאָר געמאַכט, אויס־שרייענדיק מיט אַ ווייטיקלעך קול, אַז ווי לאַנג ער האָט גע־קענט, האָט ער געליטן און געשוויגן; איצט אָבער — האָט ער מיט אַלץ אַ העכערער שטימע גערעדט — איצט קען איך מער נישט שווייגן, ווארים ס'איז שוין איבער די כחות צו קענען אַריי־בערטראָגן דאָס רשעות פון די, וואָס בלויז איז ביי זיי וואָסער; אומרעכט — רעכט; וואָס מיאוס איז ביי זיי שיין; פאַרדאַר־בנקייט — טוגנט; דער שקר — אמת; פּחדנות — בראַווקייט; און — אָך און וויי — פאַרברעכנס אָן אידעאַל. אַ רעוואָלוציע, האָט ער מיטן צאָרנדיקן קול אַלץ געדונערט, און מיט די רייד זיינע צוגעטראָפן דעם רוב פון די כאַוויירים — אַ רעוואָ־לוציע איז געמאַכט געוואָרן פאַר דעם מענטש, און נישט פאַר־קערט. אויב ס'איז אַ פראַגע ווער ס'זאָל ווערן אומברענגען — האָט ער, ציטערנדיק אַ רוסישן שריפטשטעלער, אויסגעשריגן — זאָל דאָס בעסער זיין די רעוואָלוציע! און אונטער שטורמישע

אפלאַדיסמענטן אויפגעפאַדערט די פאַרטיי־חסידים זיך נישט צו שרעקן און צו פאַרדאַמען דאָס וואָס פאַרדינט פאַרדאַמט צו ווערן און נידערצושטימען דאָס וואָס באַדאַרף נידערגעשטימט ווערן. און אָפּרוענדיק זיך אַ ווײַלע, אויף אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, זיך געקליבן צו ריידן ווײַטער. אין דעם מאָמענט איז אָבער אויפגעשפרונגען די כאַווערטע ביילע, מיט איר דין־הילכיק שטי־מעלע, און ווענדנדיק זיך צו לייבקען, אים פאַרגעוואָרפן:

— אַזוי רעדט נישט אַ כאַווער — האָט זי זיך אויף אים גע־וואָרפן — דאָס רעדט פון אייך אַרויס אַ חיים־מאיר; דאָס פלאַפּלט איר נאָך די איסט בראָדוויי־חברה. אייער אָרט איז מער נישט צווישן אונז! — — —

כאַווער לייבקע האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן, געשטאַנען מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ אַ רואיקער און אַ זיכערער מיט זיך און געוואַרט צו קענען ענטפערן אויף דער כאַווערטע ביילעס פאַרוואורפן. ער איז אָבער צום וואָרט נישט געקומען. אַנ־שטאָט ער — האָט ביילע גערעדט. וואָרים דאָס וואָס זי האָט אים געזאָגט איז בלויז געווען אַ הקדמה צו דעם וואָס זי האָט אים נאָך געהאַט צו זאָגן. זי האָט לאַנג נישט געוואַרט, און ווענדנדיק זיך ווידער צו אים, אים באַשולדיקט אין אומוויסנ־קייט, אין נישט האָבן געלערנט געשיכטע. אַנדערש וואָלט איר פאַרשטאַנען — האָט זי די ווערטער אינעם פּנים אים גע־וואָרפן — אַז די רעוואָלוציע פאָדערט קרבנות; אַז אינעם גאַנג פון אַ רעוואָלוציע זיינען טעות׳ן אומפאַרמיידלעך. און, אָפּקערנדיק זיך פון אים, מיטן פּנים צום אַלגעמיינעם עולם, אויסגעשריגן הויך מיט איר דין־הילכיק שטימעלע:

— דאָס וואָס האָט פּאַסירט איז קיינעמס עסק נישט. ס׳איז אונדזער שאַנד און אונדזער ווייטיק. און באַלד ווידער זיך אַ קער געטאָן צו לייבקען מיט נאָך האַרבערע טענות:

— אַזוי ריידן ווי איר רעדט קען נאָר אַ שונא, און איר האָט זיך אַרויסגעגעבן אַז איר זיינט דאָס! אַנשטאָט אויפצו־קלערן, אַריינצוברענגען קלאָרקייט, ברענגט איר אַריין נאָך אַ גרעסערע צעטומלעניש, אַ גרעסערע צעמישעניש אין די מוחות פון די צווייפלער און אָפּנייגער, און אויפגעפאָדערט אַלעמען

זיך נישט צו לאָזן פאַרפירן און גוטצוהייסן אַלס אומפּאַרמייד-לעך די בלוטיקע געשעענישן און די נייע פּאַרטיי-ליניע מיט אַ גרויסער מערהייט שטימען.

דער פּאַרזוך צו טויטן דעם נאָמען פון דעם לאַנג-יאָריקן פּאַרטיי-מאַן, לייבקען, האָט זיך דער כאַווערטע ביילען נישט איינגעגעבן. די אַלע אָנצוהערענישן און עפּיטעטן, מיט וועלכע זי האָט געזוכט אָפּצוּאַווישן די רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט זיינע אין דער אַלטער היים און דאָ אין אַמעריקע, מיט די קאַמפן, טורמעס און פאַרשיקונגען וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, האָט ביי אַ סך אַרויסגערופן פּראָטעסט-רופן קעגן איר. נאָך ווייניקער האָט זי באַוויזן צו באַווירקן דעם עולם מיטן באַשולדיקן אים אין זיין אַ שונא פון דער לינקער באַוועגונג, פון וועלכער אַלע האָבן געוואוסט אַז ער איז געווען איינער פון די הויפּט-גרינדער. אַנשטאָט צו דערנידעריקן אים אין די אויגן פון די פאַרזאַמלטע, האָט זי מיט דעם אַרויסגערופן אַ נאָך-גרע-סערע פאַרביטערונג קעגן זיך. מען האָט נישט אויפגעהערט איר צו שרייען אין פּנים אַריין:

— נישט אמת! נעמט צוריק אייערע רייד! גענוג! שוין דאָס געהערט! לאָזטריידן אַנדערע!

ביילעס צד האָט אויך נישט געשוויגן. אַמהעכסטן האָבן זיך געלאָזט הערן, די ערשטע, סערעלע, אַ מאָגער, רידע־ויִדיק ווייבעלע, אַ גרושה׳לע, אַ גיכינקע, מיט אַ שמאָל מיילעכל און מיט אַן יינגליש-געשוירן קעפּל שוואַרצע האָר; נאָך איר דער כאַווער יאָשע, אַט-דער שווערער, קאַלט-אויגיקער פּאַר-טיי-מאַן, אַ שווייגער, וואָס גייט אַרום ווי מיט אַ שלאָס אויפן מויל, און וועמען מען זעט תמיד אין די קאַלטע, ווינטערדיקע טעג — מעגן די פרעסט אין דרויסן זיין ווי גרויס — אַלע מאָל אָן אַ הוט. ביידע, סערעלע די גרושה׳לע, און דער שווערער יאָשע, האָבן נית אויפגעהערט צו רופן ביילען זיך נישט צו לאָזן טעראָריזירן פון די פאַשיסטישע מויל-העלדן. ביילען איז אָבער אוממעגלעך געווען אַרויסצובּרענגען אַ וויטערדיק וואָרט, און געוואָרט אויפן פאָרזיצער, בערקען, איינצוצוימען די רעכ-טע שטערער.

בערקע האָט דאָס געטאָן. מיט אַלע כחות האָט ער גע־האַלטן אין איין קלאַפּן, אין איין בעטן און וואָרענען קעגן שטערן ביילען אַנצוגיין מיט איר ריידן. ס'איז אָבער רואיקער נישט געוואָרן. מ'האָט אויך אים איבערגעשריגן און ס'האָט אויסגעזען ווי ער קלאַפּט און רעדט אין דער וועלט אַריין. ס'האָט אים קיינער נישט געהערט, ווי דער מיטינג וואָלט אַנגעגאַנגען אָן אים. ער האָט געגעבן ווערטער — גערעדט האָבן אַנדערע. ביילע האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן, אַ פּאַר־עקשנ'טע געשטאַנען אויף איר אָרט, ווידער געפּרואווט ריידן, אונטערגעבראָכן געוואָרן, ווידער אָנגעפאַנגען, באַווייזנדיק יעדעס מאָל צו ריידן אַביסל לענגער. נאָך איידער זי האָט אָבער באַוויזן צו ענדיקן, זיינען אַנדערע געשטאַנען אויף די פּיס. נאָך איידער ס'האָט איינער פאַרענדיקט, האָט אַ צוויי־טער אָנגעפאַנגען. ווער ס'האָט צום וואָרט נישט געקענט קומען, האָט זיך געלאָזט הערן מיט צווישנרופן. ס'האָבן אויך גערעדט עטלעכע מיטאַמאָל. ס'איז שוין אוממעגלעך געווען צו הערן ווער עס רעדט און ווער עס הערט זיך איין. די לופט איז געווען אָנגעגליט מיט פייער, מיט אַ היץ פון הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן, מיט אַ שניידענדיק פייפעריי, און ס'איז נישט געווען קלאָר וועמען מען אַפּלאָדירט און וועמען מ'פייפט אויס. ס'איז געווען איין גרויסער טומל מיט אַ קאָך, וואָס האָט זיך אַרויסגעטראָגן צום פינצטערן דרויסן, און ווי די שטילע נאַכט וואָלט דאָס אויפגעכאַפּט און עס פאַרטראָגן „אויף ווים־טע, פוסטע פעלדער".

דער הויכער בעריש האָט געהאַלטן אין איין פרעגן פראַגן, און ס'איז שווער געווען צו דערגיין וואָס ער פרעגט. די ווער־טער זיינען זיינע פאַרטומלט געוואָרן אינעם כאָר פונעם גרויסן געפילדער.

ס'איז געקומען כאָוער ברוך'ס ריי צו ריידן, און נישט גע־קאָנט אָנפאַנגען. דער נידעריקער מנחם האָט עפּעס געוואָלט ווימן, און מ'האָט אים אַריינגערעדט אין די רייד. דער קרומער גדליה האָט זיך געזען שטיין בעטנדיק מ'זאָל אים לאָזן קומען צום וואָרט. די כאַווערטע ביילע און סערעלע די גרושה'לע

האָבן זיך פּלוצים צעוורטלט מיט דעם היציקן הירש, און ס׳איז שווער געווען אויפצוכאַפּן וואָס זיי זאָגן זיך איינער דעם אַנ־דערן אריין. סערעלע האָט איבערגעשטיגן ביילען. ס׳קורץ־געשוירן קעפּעלע האָר האָט כּסדר זיך געוואָרפן צו הירשם זייט, ווי אויפפאָדערנדיק אים זיך צו פּאַרמעסטן מיט איר, אויב ער וויל אין מער ווי בלויז אַ מויל־קאַמף... לייבקע, דער פונק פונעם פייער, איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך איצט מער נישט געלאָזט הערן. ער איז געשטאַנען מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אין אַ מידער שטימונג, ווי ער וואָלט זיינם דער־גרייכט, און געאָטעמט שווער מיטן האַרץ. ער איז אָפּגע־טראָטן און זיין אָרט האָבן פאַרנומען דריי אַנדערע: הירש, מנחם און דער הויכער בעריש. ער האָט געשוויגן, אָבער נישט זיי. ער האָט אָנגעפאַנגען און זיי האָבן פאַרענדיקט. וואָס ער האָט נישט באַוויזן צו זאָגן, האָבן זיי דערזאָגט.

דער פאָרזיצער בערקע האָט געקלאַפּט הויך מיטן האַ־מער, נאָך העכער האָבן זיך געהערט די שטימען זייערע: „מיטן טייוול שותּפות געמאַכט!” — האָט הירשם קול צאָרנ־דיק איבערן זאַל זיך געטראָגן; „אַפילו אונטערן צאַר!” — — האָט מנחם אויסגעשריען, ניט קענענדיק, אוים ווייטיק, פאַרענדיקן. מ׳האָט אָבער פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט צו זאָגן. „מיר האָבן געגלויבט, אַז אונטער אָט־דער סאָציאַלים־טישער פאָן, וועלן מיר, אידן!” — האָט דער הויכער בעריש, שטאַרקער מאַכנדיק די אָנקלאַגע, געדונערט מיט זיין באַסאָ־ווער שטימע: „אָט אויף דערויף האָבן מיר די בעסטע יאָרן פון אונדזער לעבן אָפּגעגעבן?” „אונדזערע שרייבער און קינסטלער צעשאָסן, די צונג פון אונדזער פאָלק אָפּגעשניטן, אַלע מענטשלעכע רעכט צוגענומען!” — האָט עמיצער פון דעם עולם די פאַרזאַמלטע אויפגעשטורעמט — „נישט בעסער איז אויך איצט; ניין, ס׳איז איבער די כּחות דאָס גוטצו־הייסן!”

— איך בעט די לייבקעס, די מנחמס, די הירשם און די אַנדערע צו לאָזן אָנגיין רואיק מיטן מיטינג — האָט כּאַוועך בערקע, דער פאָרזיצער, מיט יעדן וואָרט אַזוי הויך אַ קלאַפּ

געטאָן מיטן האַמער, אַז די ווענט האָבן זיך שיר נישט גע־שפּאָלטן, אָדער צו פאַרלאָזן דעם זאַל! אָבער נישט דער האַ־מער, נישט די וואָרענונגען זיינען אימשטאַנד געווען אָפּצו־שטעלן דעם ביטערן ווערטער־קאַמף, וואָס האָט אויסגעזען אָט־אָט זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ פויסטן־קאַמף און אין וואַרפן זיך בענקלעך איינער אויפן אַנדערן. ס׳האָט אויסגעזען, ווי עס האַלט זייער נאָענט דערצו, וואָרים די לופט איז פול געווען מיט נעמען־רופעניש, דער יענעם: „שוואַכלינג, אָפּגוי־גער, צעקראָכענע נשמה". יענער דעם: „בלינדער נאָכפּאָל־גער, צובאַמבקער, נאָכפלאַפּלער". נעכטיקע פריינט זיינען זיך ביטערע שונאים געוואָרן; נעכטיקע כאַווירים — היינט אויף מעסער־שטעך. דער קאַמף איז דערגאַנגען צו אַן אָפענעם פאַרמעסט פון צוויי צדדים: פון פאַרדאַמערס און פון גוטהיי־סערס. יעדער צד האָט געהאַט זיינע אַנהענגער; יעדער צד האָט געוואָלט זיגן. דער טומלדיקסטער צד איז געווען דער כאַווערטעביילעס, ס׳האָט זיך אויסגעוויזן אַז די מערהייט איז אויף איר זייט. איר צד האָט געהאַט נאָך אַ זייל פון אונטער־שטיצונג — כאַוועד בערקען.

דער מיטינג וואָלט זיך פאַרצויגן ווער ווייסט ווי שפּעט אין דער נאַכט אַריין. דער עולם איז אָבער ענדלעך מיד גע־וואָרן פונעם זיצן און פונעם איינהערן זיך צו דעם מבול פון רייד, מיטן אונטערברעכן איינער דעם אַנדערן, מיטן אָנגרייפן זיך מיט די ערגסטע ווערטער און באַשולדיקונגען: מנחם — יאַשען, און יאַשע — מנחמ׳ען, און פון בערקעס קלאַפּן מיטן האַמער זיך צו האַלטן אין אָרדענונג.

— כאַווירים, לאָזט אָנגיין מיטן מיטינג! — האָט ער געהאַלטן אין איין קלאַפּן מיטן האַמער, ס׳זאָל שטיל ווערן. כאַווער בעריש, איר האָט שוין גערעדט; לאָזט אַנדערע קומען צום וואָרט!

— גענוג גערעדט, גיט נישט מער קיין ווערטער — האָט מען פון אַלע זייטן צו אים געשריען — שליסט די דעבאַטע! און אים אויפגעפאָדערט ער זאָל די פראַגן נעמען צו אַן אָפּ־שטימונג.

כאַוועך ברוך, וואָס איז נאָך נישט געהאַט געקומען צום וואָרט, האָט מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט אַ זאָג געטאָן צום פאָרזיצער:

— כ׳מאַך אַ פאָרשלאַג — — — —

אינעם זעלביקן מאָמענט זיינען אויפגעשפּרונגען אַ פּאָר אַנ־דערע מיט יאַשען בראָש און, ווענדנדיק זיך צו בערקען, פאַר־לאַנגט יעדערער עפּעס אַנדערש.

איינער: כ׳האָב געבעטן נאָך אַ וואָרט, כאַוועך פאָרזי־צער!

אַ צווייטער: כ׳וויל מאַכן אַ באַמערקונג!

אַ דריטער: אַ פראַגע, בלויז אַ פראַגע, כאַוועך בערקע!

כאַוועך יאַשע, וואָס האָט זיך מיט אַ מינוט פריער, געזען סוד׳ען מיטביילען, האָט זיך פלוצים אַ שטעל געטאָן אויף די פיס און מיט זיין הויך קול אויסגערופן:

— כ׳מאַך אַ פאָרשלאַג אָפּצולייגן די אָפּשטימונג אויף אַ צווייטן מיטינג!

בערקע האָט, ווי נאָר וואַרטנדיק אויף דעם, גיך אויפ־געכאַפּט יאַשעס פאָרשלאַג און, ווענדנדיק זיך צו די פאַרזאַ־מלטע, אַ פרעג געטאָן:

— איז דער פאָרשלאַג אונטערשטיצט? און אין אַ מינוט שפּעטער ווידער אַ פרעג געטאָן:

— אַלע פאַר דעם? קיינער נישט דאַקעגן? און באַלד דערנאָך הויך אַ קלאַפּ געטאָן מיטן האַמער:

— דער מיטינג איז געענדיקט, כאַווירים, צעגייט זיך! און ווענדנדיק זיך צו לייבקען און צו די אַנדערע, וואָס, לעבן אים, קוקנדיק צו זיי מיט אַ פּנים רויט ווי פייער, זיי געוואָרנט מיט די האַרבסטע שטראָפן אויב זיי וועלן אויך ביים קומענ־דיקן מיטינג, וואָס וועט אינגיכן גערופן ווערן, אינסצענירן די פאַרברעכערישע שטיק כדי נישט צו דערלאָזן צו אַ גוטהיי־סונג אין דער פראַגע פון די לעצטע געשעענישן און אין דער פראַגע פון דער נייער פּאַרטיי־ליניע אונדזערער, און פאַר־ענדיקט מיט אַ פּאַטעטיש קול, אַז דאָס טאָר נישט און אַז דאָס וועט מער נישט טאָלערירט ווערן.

פאַר אַ ווײַלע האָט זיך נאָך אַלץ געקאָכט אין דעם מיטינג־זאַל. די לופט איז נאָך פול געווען מיט דערבאַטירנדיקע רייד, מיט אַרגומענטן, מיט טענות און באַשולדיקונגען איינער קעגן אַנדערן. ס׳איז געווען ווי אַ פאַרזעצונג פון דעם מיטינג, אָבער אָן אַ פאָרזיצער צו האַלטן אָרדענונג און צו קאָנטראָלירן די צעהיצטע געמיטער. ווער עס האָט געוואָלט האָט גערעדט. מ׳האָט גערעדט און זיך צוריקגעענטפערט אָן אַ סדר. ס׳האָבן זיך געהערט אַלץ שאַרפערע רייד און דראָאונגען. ביי מאַנכע האָבן די הענט זיך געביילט אין פויסטן, און ס׳האָט אויסגעזען, ווי אָט־אָט און מען וועט זיך נעמען וואַרפן מיט בענקלעך. מנחם און בעריש זיינען געווען שרעקלעך פאַרביטערט קעגן פאַרזיצער פאַר שליסן דעם מיטינג. דאַקעגן ביילע, סערעלע און יאַשע האָבן אים פאַרטיידיקט, וואָרפנדיק די שולד אויף לייבקעס קאָפּ און אויף די אַנדערע מיט אים. פון אַלעמען האָט לייבקע אויסגעזען צו זיין דער רואיקסטער: אַלע כעס׳ן אָפּגעגאַנגען, די ביטערניש אויסגעלאָדן, האָט ער דער ערשטער פאַרלאָזט דעם זאַל. נאָך אים זיינען זיך אויך די אַנדערע צעגאַנגען, גרופּנווייז אַרויס אין דרויסן און פאַרשוואונדן געוואָרן אין די געדיכט־פאַרשנייטע געסלעך אויפן וועג אַהיים.

ג.

אַז אויסגעשעפּטער פונעם ביטערן פּאַרטיי־שטרייט, מיטן קאָפּ פון די היציקע דעבאַטן נאָך קלינגענדיק אין די אויערן, האָט לייבקע מיט אַ מידן גאַנג זיך געגומען דערוויטערן פונעם אַרבעטער־קלוב מיט אַ געפיל, וואָס איז געווען גאַנץ אַנדערש ווי אין די אָנהייב־יאָרן פון דער לינקער באַוועגונג.

דעמאָלט פון אַ פאַרזאַמלונג געגאַנגען מיט אַ צעפלאַמט פּנים, אַ האָפּערדיקער, דערוואַרטנדיק דאָס גרויסע, וואָס האַלט אָט־אָט אין קומען, מיט אַזוי פיל פרייד אינעם האַרץ, מיט טריט קעמפערישע, מיטן קאָפּ הויך צום הימל געשטרעקט, מיט געזאַנג אינעם גאַנג, מיט אַ מוט, וואָס האָט ווי אויף פליגלען געטראָגן. ס׳האָט זיך געוואָלט לעבן און קעמפן, גרייט געווען דאַן דאָס לעבן אָפּצוגעבן פאַר דעם אַלמענטשלעכן אידעאַל אין דעם לאַנד פון דער רעוואָלוציע.

איצט איז יאוש אין די טריט געלעגן, מוטלאָז, דער גאַנג, דער קאָפּ געבויגן, אין די אויגן אַ סומנע טונקלעניש, ס׳האַרץ פול מיט צער, די ביטערניש — איבער דער גאַל. אַנשטאָט געזאַנג — טרויער; אַנשטאָט אַ ליכטיקן מאָרגן — איז נאָך פינצטערער אויף דער וועלט געוואָרן.

אָפּגייענדיק פונעם הויז פון אַרבעטער־קלוב מיט אַ זי־כערקייט אַז ער איז דאָ געווען ס׳לעצטע מאָל, האָט לייבקע אויפן וועג צוריק דערבליקט ס׳קליינע לינת־הצדק־שולעכל. שוין געווען לאַנג נאָך מנחה־מעריב. דער מנין יידן, וואָס האָט זיך דערשלעפּט אינעם שלעכטן וועטער, איז זיך לאַנג שוין צע־גאַנגען. דורך די בלוי־קאָלירטע שויל־פענצטערלעך איז געווען צו זען די מזרח׳דיקע וואַנט מיט די נר־תמיד־פלעמעלעך, דאָס ארון־קודש, און ס׳האָט זיך געדוכט, ווי ס׳וואָלט פונעם מקום־קדוש זיך נאָך אַלץ אַרויסגעהערט די פּאַרכטיקע תפילות אין דער לופט אָפּקלינגען. די תפילות האָבן זיך מיט־געטראָגן אין וועג, אויפוועקנדיק אין זכרון מיט אַ ציטער דעם

אַמאָל פון זיין לעבן אַלס אַ פרום, גלויביק בחור׳ל אין דער אַלטער היים, דאַוונעדיק מיטן טאַטן אין די שולן און בתי־מדרשים. דערוויייטערנדיק זיך פונעם שולעכל אויפן וועג ווייטער, האָט זיך לייבקען געשטעלט פאַר די אויגן די געביידעטע פונעם אָרדן־רינג־צענטער. אויך דאָ איז שוין געווען נאָך די מיטינגען. דער עולם שוין לאַנג אַוועק אַהיים. אין די פאַרזאַמלונג־צימערן האָט זיך אַ מענטש נישט געזען, אָבער געדוכט האָט זיך ווי אויך פון דאַנען פליסטערן נאָך אַלץ אַרויס רייד און שוועבן אים נאָך אינעם וועג... און ס׳איז אים געקומען אויפן געדאַנק די צייט פון אַמאָל, ווען ער האָט זיך אויך דאָ געלאָזט הערן, און — אויך פון דאַנען אַוועק; פון דאַנען צו דער לינקער באַוועגונג צוגעשטאַנען. אַזוי האַלט ער אין איין גיין פון באַוועגונג צו באַוועגונג, פון גלויבן צו גלויבן פון יינגל־ווייז־אָן. די לינקע באַוועגונג איז געווען די לעצטע סטאַנציע. פון דאַנען — נישטאָ שוין וואו צו גיין, און שווער איז דער וועג אויף צוריק.

די שפּעטע נאַכט־שעה האָט לייבקען אונטערגעאיילט צו שטעלן גיכערע טריט. מאָרגן איז אַן אַרבעטס־טאָג. ווידער אַמאָל וועט ער צו דער אַרבעט קומען אַ נישט־אויסגערוטער, און ווידער מיט אַ ביטער הארץ. באַלד פערציק יאָר ווי ער גייט און קומט צו מיטינגען, און קיינמאָל נישט פון אַ פאַרזאַמלונג געגאַנגען אַזאַ צעוויייטיקטער, ווי דאָס איז היינט. יאָ, ער דערמאָנט זיך: איינמאָל, יאָ, עפּעס ענלעכס דורכגעלעבט. מיט יאָרן און יאָרן צוריק איז דאָס געווען, אין דער אַלטער היים, אין לאָדזש, ווען ער איז אויך כמעט אין אָט אַזאַ שנייאיקער ווינטער־נאַכט פון אַ פאַרזאַמלונג געגאַנגען. ס׳איז געווען באַלד נאָך דער דאַן־אין־בלוט־דערטרונקענער רעוואָלוציע קעגן דער צאַרישער הערשאַפט. אַך, ווי ס׳הארץ האָט דעמאָלט אים געוויייטיקט אויף דעם דורכגעפאַלענעם אויפשטאַנד. איצט שפּאַנט ער ווידעראַמאָל אין אַ קאַלטער, שנייאיקער נאַכט פון אַ פאַרזאַמלונג, אין אַן אַנדער לאַנד און אין אַן אַנדערער וועבערשטאָט, און ווידער בלוטיקט אין אים דאָס הארץ אויף דער רעוואָלוציע אין דעם רעוואָלוציע־לאַנד...

שוין געווען באַלד האַלבע נאַכט ווען לייבקע האָט זיך ענדלעך דערזען אינעם הויז. אָט גלייך ביים עפענען די טיר איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ ליבע וואַרעמקייט, און ער האָט דאָס ערשטע מאָל פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די ווינטערדיקע מלבושים. אין די אַנדערע וואוינונגען אין דעם הויז איז מען שוין פון לאַנג געשלאָפן. בלויז ביי אים איז נאָך ליכטיק און מען איז נאָך וואַך געווען. דאָס איז זי, בלומע, די פרוי זיינע, געזעסן אינעם פראָנט-צימער און געוואַרט אויף זיין אַהיימקומען, און וואַרטנדיק דערוויל זיך איינגעקוקט אין אַ טעלעוויזיע-„שאָו", אָבער יעדע פּאָר מינוט געהויבן די אויגן צום זייגער. שוין געווען צוועלף, נאָך איינס, און לייבקע איז נאָך אַלץ נישט געווען אין הויז. די שרעק האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט. זי האָט אַזוי נישט געוואָלט אים לאָזן גיין צו דעם היינטיקן מיטינג, און אים נישט געקענט צוריקהאַלטן. וואָס שפּעטער ס'איז געוואָרן, אַלץ מער האָט זי גענומען איבערקלערן און אומרואיקער ווערן, זיך געשראָקן עס זאָל נאָר דאָרטן, חלילה, נישט קומען צו געשלעגן און צו וואַרפן זיך מיט בענקלעך; זיך נאָר פאַרגעשטעלט, אַז ווער ווייסט וואָס עס טוט זיך דאָרטן אָפּ ביים מיטינג. דערזעענדיק אָבער ענדלעך דעם מאַן צוריק אין הויז, האָט זי אָפּגעאָטעמט מיט אַ גרינגער געמיט, איז אַ פרייד־דיקע אים אַנטקעגנגעגאַנגען, און פונעם ערשטן בליק אויף אים, אַ זאָג געטאָן:

— דאַרפסט מיר גאָרנישט זאָגן, לייבקע, כ'דערקען אויף דיר וואָס עס האָט זיך דאָרטן אָפּגעטאָן.

— קאָנסט מיר אָפּגעבן מזל-טוב, כ'בין שוין אויך אַ דע־געגעראַט, אַ פאָררעטער, און ווער ווייסט וואָס נאָך אַלץ... כ'וויים נישט, בלומע, צי איך זאָל דערפון לאַכן אָדער וויינען.

— נו, נעם זיך דאָס נישט אַזוי צום האַרצן, לייבקע, דו ביסט נישט דער ערשטער וועמען זיי זאָגן דאָס, און נישט דער לעצטער.

ריידנדיק האָט בלומע זיך נישט געקענט צוריקהאַלטן פון צו דערמאָנען דעם מאַן, זאָגנדיק:

— און דו האָסט נישט אַנדערש ווי נאָר געוואָלט אויך

מיך אריינקריגן אין דער באוועגונג. גוט, וואס איך האב דאס נישט געטאן, איז דאס געוויסן מיר ריין.

ס'איז געווען פאר לייבקען מער ווי שמערצלעך צו הערן דאס דערמאנען אים. יא, ער געדענקט עס גוט. היינט פארשטייט ער, אז בלומע איז נישט דער טיף פרוי פאר דער לינקער באוועגונג. דעמאלט האט ער דאס אבער נישט פארשטאנען. דעמאלט איז אים געגאנגען אין לעבן וואס בעת ביי יעדן חבר איז די פרוי געווען א כאווערטע, איז די פרוי זיינע געווען אן אויסנאם. ערגער נאך — א קעגנערין, און וועמענס פרוי? — א פרוי פון א טוער, פון א פירער, פון א מאן וואס איז די נשמה פון דער באוועגונג! און נישט וויניקער האט לייבקע געליטן פון דעם וואס בעת ער איז בכח געווען צו באאיינפלוסן און צו באקערן אן א שיעור מענטשן צו דעם אידעאל פון דער לינקער באוועגונג, האט ער דאס בשום אופן נים געקענט פועל'ן ביי דער פרוי זיינער, און פלעגט מיינסטנס פארברענגען די צייט אין דעם ארבעטער-קלוב אליין, אן איר. זי פלעגט בעסער אויסקלייבן צו בלייבן אינעם הויז.

— גיי אליין — פלעגט זי אים שיקן — דו ווייסט אז איך פיל מיך דארטן נישט גוט.

— פארוואס נישט?

— מיר איז שווער צו פארטראגן ס'קאכן זיך אייערס, מיט די שימפערייען און נעמען-רופעניש. דאס מאכן צו שאנד און בלאטע אלעמען, און דאס וואס קיינער איז ביי אייך נישט גוט.

— ווער זאגט אז קיינער נישט! מיר באקעמפן בלויז די, וואס באקעמפן אונדז.

— דאס זעלבע זאגן דאך אויך די וואס איר באקעמפט...

— וואס פארא פנים האט עס, בלומע, וואס איך קום שטענדיק אליין?

דאס פלעגט העלפן. בלומע פלעגט גערירט ווערן און מאנכעס מאל אים נאכגעגעבן, זיך געוויזן מיט אים צו א מיטינג אדער צו אן אונטערנעמונג. האט זי זיך אבער דארטן געפילט

אַזוי נישט אינדערהיים און נישט אויפן ריכטיקן פּלאַץ, אַז אַהיימקומענדיק פלעגט זי אים ווידער זאָגן:

— מער קום איך דאָרטן נישט, לייבקע, פאַר קיין געלט נישט!...

— טו מיר נישט קיין טובה — האָט לייבקע, אויפרעגנ־דיק זיך, צוריקגעענטפערט — זיץ אין הויז! קיין גרויס נחת האָב איך סיי־ווי נישט פון דיין קומען — רעדסט דאָך צו עמיצן אַ וואָרט ניט אויס!

ער האָט וואויל געוואוסט, לייבקע, אַז אַנשטאָט דאָ־אַהער וואָלט זי גערן געגאַנגען פאַרברענגען אָט דאָרטן, וואו זיי האָבן באַלאַנגט, ביז ס׳איז געקומען צו דעם רים צווישן די אַלטע באַ־קאַנטע און דעם רעכטן אָרדן־רינג־צענטער. מען באַדאַרף דאָס אים ערשט נישט זאָגן, ער ווייסט אַז ווי שלעכט די פרוי פילט זיך דאָ, אַזוי גוט פילט זי זיך דאָרטן. דאָס איז איצט געווען דער שטאַרקסטער שטרייט־פּונקט אין זייער באַלד פערציק־יאָריקן צוזאַמענלעבן. זיין האַרץ איז מיט דער לינקער באַווע־גונג; איר האַרץ — מיט דער רעכטער. ביי גאָר אַ סך פון די אַנדערע כאַווירים האָט דאָס געפירט צו צעשיידונג — אָדער דער מאַן האָט פאַרלאָזט די פרוי, אָדער די פרוי דעם מאַן. לייבקע קען דאָס אָבער נישט טאָן, וויל איר נישט ווייטאָן, ער ווייס אַז ס׳איז נישט אינגאַנצן דער פרויס שולד. שולדיק איז ירושה׳שאַפט, אָפּשטאַמונג, די סביבה אירע אין דער אַל־טער היים. וואָרים בעת ער, לייבקע, איז געווען אַ קינד פון אָרעמע עלטערן, דער פאָטער אַ איד, אַן אויסגעדאַרטער וועַ־בער, מיט פלאַכע באַקן ווי גריבער און מיט אַ בייזער גרויער באָרד — האָט כל־ימיו געאַרבעט שווער, דעם גאַנצן לאַנגן טאָג געזעסן הינטער אַ וועב־שטול, אַרבעטנדיק מיט די הענט און מיט די פיס ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, און ס׳איז פון דעם טאַטנס האָרעוואַניע נישט געווען כמעט אָפּצועסן. ס׳האָט שטענדיק אויסגעפעלט אַ שטיקל ברויט אין הויז. די קינדער זיינען תמיד אַרומגעגאַנגען הונגעריקע, געשלעפּט דער מאַמען ביי דעם קלייד, זי זאָל זיי געבן עסן, און זי האָט נישט געהאַט וואָס זיי צו געבן. די מאַמע זיינע, וואָס האָט נאָך אין די יונגע

יאָרן אויסגעזען ווי אַ זקנה, איז געלעגן מער קראַנק, ווי אַרומ־געגאַנגען. די בידנע נויט האָט איר געגעסן ביז צום ביין און איז יונגערהייט געשטאָרבן. די קינדער זיינען געבליבן יתומים. דער יאַך האָט דעם טאַטן פריציייטיק געעלטערט. צו פערציק גרוי געווען ווי אַ זקן. ער איז געווען אַ הויכער, אָבער אַזוי געבויגן, ווי ער וואָלט אויף זיך אַ שווערע מאַסע געטראָגן, גערעדט וויניק, געאַרבעט, געגאַנגען, געקומען — אַלץ אָן לשון. בלויז אַ „גוט־שבת", אַ „גוט־יום־טוב" געזאָגט מיט אַ הויך קול. ער, לייבקע, איז געווען דאָס יינגסטע קינד, גע־טראָגן דעם נאָמען נאָך אַ זיידן, און דער פאָטער האָט אים מער ווי ליב געהאַט. פלעגט אים אָפטמאָל גלעטן איבער די קינ־דערשע בעקעלעך, ווי דאָס וואָלט די מאַמע געטאָן, און אים געקוקט אין די אייגעלעך אַריין, מורמלענדיק: לייבעלע... לייבעלע... אָפט אים פאַר אַ גראָשן געקויפט נאַשעריי, און ס'איז אים צוגעקומען געזונט זעענדיק אים זיך פאַסמאַקעווען עסנדיק דאָס. אויך ער, לייבקע, האָט ליב געהאַט דעם טאַטן, און נאָך מער אויף אים מיטלייד געהאַט. ס'פלעגט אים פאַר־קלעמען ס'הערצעלע ביים דערבליקן דעם פאָטערס אויסגע־דאַרטן גוף מיט די דאַרע באַקן, מיט דער גרויער באָרד, ווי ביי אַ זקן, און ס'רחמנות וואָס ער האָט דאַן געפילט צו אים איז אים געבליבן אינעם געדאַנק ביזן היינטיקן טאָג. שוין אַזויפיל יאָרן אַוועק, דער פאָטער לעבט נישט מער, און ער קען אים נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן. ער זעט אים נאָך אַלץ זיצן הינטערן וועב־שטול, אַן אויסגעדאַרטן, מיט דער לאַנגער, גרויער באָרד, אַרבעטנדיק מיט די הענט און פיס, און ווי פון דער האָרעוואַניע איז נישט געווען כמעט אָפּצועסן; ווי ס'האָט פאַר אַ קינד אַ שטיקל ברויט אויסגעפעלט; ווי ס'איז נישט געווען מיט וואָס אַ מלבוש זיך צו קויפן; ווי דער פאָטער פלעגט אים אָפטמאָל איבערן קעפּעלע גלעטן, איבער די בעקעלעך, און אים אין די אייגעלעך קוקן. לייבעלע... לייבעלע...

דערפאַר איז זי, בלומע, אַ סך מזל'דיקער געווען. דער פאָטער אירער, ר' לוי־יצחק, איז געווען אַ איד אַ נגיד. געווען אַ סוחר אינעם שטעטעלע סטאַשעוו, געפירט גרויסע מסחרים

מיט לעדער און באַוואוינט אַ הויז מיט אַ גאָרטן נעבן אַ פעלד אויפן שאָסיי, אינעם עק שטעטעלע. אויסער אַ פאַרמעגלעכער מענטש, איז ר׳ לוי־יצחק אויך געווען אַ איד אַ למדן. געווען פון מיטעלן וואוקס מיט מילדע געזיכט־שטריכן, מיט אַ הויכן שטערן און מיט אַ פרומער, לאַנגער באָרד, און ווי אַ פרומער איד געווען אַ גרויסער בעל־צדקה, געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט אויף אַלץ און אויף וואָס מען האָט נאָר באַדאַרפט האָבן געלט — פון פאַרריכטן די שול ביז אַ נדן פאַר אַן אָרעם מיידל. אָן אַן אורח זיך נישט געזעצט עסן. משולחים, גוטע יידן האָבן גע־וואוסט זיין אַדרעס. ווי נאָר אַ ייד אַ נצרך — איז ער פון זיין הויז אַרוים נישט מיט ליידיקע הענט. דערפאַר איז ער אָבער געווען אַ גרויסער שונא פון יידן וואָס קריגן זיך, וואָס לאָדענען זיך, יידן לאָבוסעוואַטע, מיט גרויסע מיילער; יידן וואָס ריידן לשון־הרע; יידן וואָס ווייזן אַרוים גראָביונגערישע שטיק; אַ יידן וואָס איז עמיצן מבייש; אַ ייד וואָס קאָכט זיך אויף ווי אַ גזלן. ער פלעגט פון אַזעלכע יידן נישט וועלן וויסן. און זי, בלומע, איז ווי צוויי טראָפּן וואַסער געראָטן אינעם פאָטער. נאָך אַלס קינד פלעגט מען אויף איר זאָגן: „אינגאַנצן דער טאַטע!״ איז אויסגעוואַקסן מיט זיין ליבלעך געזיכט, מיט די מילד־בליקנדיקע אויגן און מיט די אַלע גענג און זיטן זיינע, און אַ מפונק צו מענטשן — אים איבערגעשטיגן. אַמשטאַרקסטן איז דער דאָזי־קער שטריך געקומען צום אויסדרוק אָט גלייך ווי לייבקע איז צוגעשטאַנען צו דער לינקער באַוועגונג. וואָס שייך ער, לייב־קע, איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט פאַרן הייליקן אידעאַל מיט אַ ברען, וואָס איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג. נישט אַזוי איז דאָס געווען דער פאַל מיט איר, בלומען,. נישט נאָר האָט זי נישט געטיילט דעם ברען זיינעם, נאָר האָט באַלד פון אָנפאַנג אָן אַרויסגעוויזן אַן איבערדרייסיקן קעגן־געפיל צו דעם אין וואָס דער מאַן איז אַזוי פאַרקאָכט געוואָרן. אים האָט דאָס פייער פון דעם אידעאַל אַלץ מער און מער געצונדן; איר — אַלץ מער און מער געקילט אָפּצושטיין פון דעם צו וואָס ער איז צוגעשטאַנען. פאַר לייבקען איז די באַוועגונג מיט די טומלדיקע מיטינגען און מיט די פלאַם־פייערדיקע רעדעס געווען אַ טייל

פון זיין אויסלעבן זיך, און אַ דאַנק דער איבערגעגעבנקייט און אויפֿן סמך פֿון דער רעוואָלוציאָנערער פֿאַרגאַנגענהייט גאַר גיך דערהויבן געוואָרן צו אַ פֿירנדיקער ראָלע אין דער פּאַרטיי. זי אָבער, בלומע, נישט נאָר האָט זי נישט געטיילט די אידעאָלאָגישע אָנשויאונגען זיינע, נאָר זיך אָפּגעטיילט מיט אַ גרעניץ, וואָס איז געווען אַזוי ווייט ווי דער הימל פֿון דער ערד. אַ פּאָר מאָל געקומען אינעם אַרבעטער־קלוב, און מער האָט מען זי דאָרטן נישט געזען. אַ פּאָר מאָל באַזוכט די מיטינגען, און מער צו אַ מיטינג האָט מען זי שוין נישט געקענט קריגן. נאָכן באַקענען זיך מיט אַ חבר, פֿון אים גענומען ווייכן. מער פֿון אַלעמען האָט זי זיך געהאַלטן ווייט — פֿון די כאַווערטעס. זיי, ביילע, סערעלע, די גרושה'לע און די אַנדערע זיינען איר אין די אויגן געשפּרונגען זי זאָל צו זיי צושטיין. בלומע האָט אָבער אויף זיי אַ רעכטן בליק נישט געטאָן. זי איז געווען די איינציקע פֿרוי פֿון אַ כאַווער ניט נאָר נישט צו זיין אַ כאַווערטע, נאָר פֿאַרקערט — אַ קעגנערין גאָר, זיך נישט געלאָזן אַריינציען אין די עסקים זייערע. „העלאָ, וואָס מאַכט מען?" און מיט דעם אָפּגעקומען. און דורך די אַלע יאָרן כמעט יעדן אָוונט צוגעשטאַנען צום מאַן מיט טענות און מיט אויסזעצונגען קעגן אַלץ און אַלעמען אין דעם אַרבעטער־קלוב.

— נאָר מען הערצט ביי אייך! — האָט זי, אַהיימקומענדיק מיט אים איינמאָל פֿון אַ מיטינג, אים פֿאַרגעוואָרפֿן — שימפֿערייען, זידלערייען און נעמען־רופֿענישן. קיינער איז ביי אייך נישט גוט!

און אַן אַנדערש מאָל אים אויסגערעדט:

— ס'איז זיי גאָרנישט צו דערקענען, די כאַווײרים, ווי צעווילדעוועט זיי זיינען דאָס איצט, און קעגן וועמען? — קעגן אייגענע אין דעם אָרדן־רינג־צענטער!

— ווייל זיי פֿאַרטיידיקן אַ צעפֿוילטן סיסטעם...

— זיי? ס'טייטש, לייבקע, ווי קענסטו דאָס אויף זיי זאָגן? דו ווייסט דאָך: זיי זיינען געווען און זיינען נאָך היינט אויך — — —

— היינט שטייען זיי מיט דער רעאַקציע!

— דאָס גלויבסט זיך מיר נישט. זיי מיינען דאָס זעלבע. נישט מער, זיי ווילן נישט זיין קיין שותפים צו די הפקרות'דיקע שטיק אייערע און צו די מעטאָדן אייערע צו צעשיסן קעגנער וואָס דענקען אַנדערש.

—דאָס רעדט פון דיר ארוים דער טאַטע דיינער. דו ביסט ווי ער. ווי ער וואָלסטו אויך נאָר געוואָלט אויספירן אַלץ מיט גוטן, מיט גוטע רייד, מיט זיידענע הענטשקעס.

— מיט וואָס איז דאָס שלעכט? — האָט בלומע, א גערערגערטע פאַר ארײנשלעפּן דעם פּאָטערס נאָמען, דעם מאַן געפרעגט — הלוואי וואָלט איר ווי ער געווען. נישט געווען אין זיין טבע עמיצן וויי צו טאָן. נישט ווי ביי אייך — האָט זי אויף אים אָנגעוויזן — אויף קיינעם נישט שלעכטס גערעדט, נישט געהעצט, און וואָס הייליקער פון אַלץ איז ביי אים געווען פּקוח־נפש — נישט ווי דאָס איז ביי אייך. דערפאַר האָט ער אַזוי פיינט געהאַט יידן וואָס בארײדן, יידן וואָס לאָדענען און כעס'ן זיך, יידן וואָס פּראָווען לאַבוסעוואַטע שטיק. פרעג איך דיך: איז דאָס אַזוינס מיט וואָס מען באַדאַרף זיך שעמען?

און מיט א צייט שפּעטער, ווען דער סוד איז מער קיין סוד נישט געווען, און ווי צו אַנדערע, איז אויך צו בלומען דערגאַנגען, אַז אין דער אמת'ן איז דאָס לאַנד פון דעם מאַנס הייליקן אידעאַל נישט מער און נישט ווייניקער ווי א גרויסער פּריזאָן, און ס'טוען זיך דאָרט אָפּ זאַכן פון וואָס די האָר שטעלן זיך קאַפּויר, ווי מען קומט דאָרט שפּורלאָז אום, און ווייווויי, מען ווייסט אפילו נישט וואו עס רוען די ביינער פון די אומגעבראַכטע, ווי אויף יעדן איינעם ציטערט די הויט, ווי מען לעבט דאָרטן מיט טויזנטער מורא'ס; ווער ס'פאַרשווינדט היינט, ווער — מאָרגן; א פאָטער געטרויט נישט דעם זון, דער זון נישט דעם טאַטן; ווי מען גייט דאָרט אַרום מיט שלעסער אויף די מיילער — אָט דאַן האָט זי דעם מאַן א פרעג געטאָן:

— און דאָס רופט מען ביי אייך מיטן נאָמען אידעאַל? פון ווען אָן איז אונטערדריקונג און קעפּ־האַקן אַן אידעאַל?

— דאָס איז אומפאַרמיידלעך ביים איבערגיין פון איין אָרדענונג צו אַ צווייטער!

— אָבער זע — האָט בלומע, אָפּשטרייטנדיק דעם מאַנס מיינונג, אים געזאָגט —טראָץ די בלוט-בעדער און דאָס אויס-מאָרדן מיליאָנען מענטשן איז דאָך דאָרטן נישט דערגרייכט געוואָרן אפילו אַ העלפט פון דעם וואָס ס׳איז דאָ ביי אונדז, אין אונדזער לאַנד, אויפגעטאָן געוואָרן פאַרן אַרבעטס-מענטשן, אָן אַ טראָפּן בלוט פאַר דעם צו פאַרגיסן!

— צי דען ביסטו דאָרטן געווען?

— זיינען אַנדערע געווען!

ס׳איז צו זייער אויס׳טענה׳ן זיך נישט געווען קיין סוף, האָבן זיך געהאַלטן אין איין באַשטרייטן, אין פרעגן און צו-ריקפרעגן פראַגן, און נישט ער איז אימשטאַנד געווען צו בייטן דער פרוים מיינונגען, און נישט זי — זיינע. איז זי, צום סוף אין איינעם אַ היציקן מאָמענט, אַרויסגעקומען מיט דער שטאַרקסטער קאָרט קעגן אים, זי האָט געוואָלט ער זאָל איר ערלעך זאָגן:

— איך בעט דיך, לייבקע, דערקלער מיר, ווי אַזוי דער-לויבט דיר דאָס געוויסן צו האַלטן מיט אַן אַנדער לאַנד און צו זיין קעגן אַמעריקע? אָרעם און נאַקעט געווען ווען מיר זיינען דאָ געקומען; פאַרפאַלגטע, אַנטלאָפענע, אָן אַ לשון, אָן געלט, בילדונג — אויף אַ שפּיץ-פינגער, זיך געפּלאָגט די ערשטע יאָרן, אָפט איז קיין אַרבעט נישט געווען, סטרייקס, ס׳האָט אויף דאָס נייטיקסטע אויסגעפעלט, און אונדזערע צרות, יאָ, אמת. דאָס איז געווען דער נעכטן אינעם פרעמדן לאַנד. היינט אָבער זיינען מיר שוין אַ טייל פון אַמעריקע. מיט דעם לאַנד איז אונדזער גורל פאַרבונדן, דאָ לעבן מיר, דאָ איז אונדזער היים, און אַ שיינע היים, אַ באַקוועמע, מיט צימערן איבעריקע, גרויסע, וואַרעמע, ליכטיקע, מיט מעבל פון שענסטן און בעסטן, מיט אַ ראַדיאָ, טעלעוויזיע, אַ טעלעפאָן, אַ היים ווי ווערדליך נישט פאַר אַן אַרבעטער-פאַמיליע. דאָ די קינדער געבוירן, דאָ זיי דערצויגן, דער זון אַ דאָקטאָר, די טאָכטער אַ לערערקע אין אַ היים-סקול. היינט די פרייהייט! קענסט פאָרן, גיין,

קומען ווען און וואו דו ווילסט, און ס׳שטערט דיר קיינער נישט צו גלויבן און פּרעדיקן אין וואָס דו ווילסט — מען באַדאַרף דאָך די ערד פון אונדזער לאַנד קושן!

— דו האָסט נאָר דיך אין זינען! מיר האָבן צו עסן, אַנ־דערע האָבן נישט!

— און מיט דעם איבערגאַנג דאָרטן צו דער נייער אָר־דענונג האָבן זיי דען יאָ?

— דו רעדסט ווי אַלע דאָרטן אינעם אָרדן־רינג־צענטער!

— ווי אַנדערש קען מען דען וועגן דעם ריידן?

— ווען איך הער דיך, דוכט זיך מיר ווי כ׳הער דעם חיים־מאירן ריידן, דער ערגסטער פון אַלע שונאים אונדזערע!

— וואָס עפּעס נאָר דער חיים־מאיר? אַלע זיינען דאָך ביי אייך פאַררעטער, פאַשיסטן, און וואָס נאָר אין דער קאָרט שטייט!

— דאָס צו הערן פון דיר, אַלס די פרוי מיינע — — — — ס׳האָט קיין זין נישט ווייטער צו דעבאַטירן מיט דיר. כ׳גיב אויף! דו האָסט געזיגט!

דער זאָג איז געווען מיט אַ האַלב־שפּאַסיקן טאָן — צו וואָס די אַלע רייד? וואָרים פרויען זיינען דאָך אַלע מאָל גע־רעכט.

ס׳האָט אָבער לאַנג נישט גענומען און בלומען איז באַ־שערט געווען אַרויסצוקומען אַלס די גערעכטע אויף אַן אמת׳ן, און נישט מחמת די אומאויפהערלעכע דעבאַטן און ס׳שפּאַרן זיך מיט ווערטער איינער מיטן אַנדערן פון פּאַר און קעגן, נאָר אַ דאַנק דער צייט, די צייט וואָס האָט טאָג נאָך טאָג אונטער־געטראָגן פאַקט נאָך פאַקט צו דעם בילד פון די גרוילטאַטן, איין פאַרברעכן שווידערלעכער פון דעם אַנדערן, איין שאַנד־טאַט גרעסער פון צווייטן... און דאָס — וויי־וויי — אין נאָמען פונעם הייליקן אידעאַל זיינעם! דאָס האָט ענדלעך פאַרענדיקט די אייביקע דעבאַטן צווישן זיי. לייבקע איז גע־צוואונגען געווען צו בייגן דעם קאָפּ און זיך געשעמט צו קוקן עמיצן אין די אויגן. ס׳האַרץ איז איבערגעלאָדן געוואָרן מיט

פאַרדרוס און מיט אַ גריזשען זיך פאַר נישט האָבן דאָס באַגריפן פריער, און וואָס ער איז יאָרן־לאַנג בלינד געווען צו דעם וואָס האָט אין די אויגן געשטאַכן. ס'איז געווען דער אָנהייב פונעם סוף. וואָרים זינט דאַן האָט לייבקע אינגאַנצן אָנגעוואוירן דעם אינטערעס צו דער פּאַרטיי און צו די טעטיקייטן אין דער לינקער באַוועגונג. האָט אויפגעהערט צו באַזוכן מיטינגען. אַמאָל זיך יאָ באַוויזן, אַמאָל נישט — מער נישט ווי יאָ. מ'האָט אים באַדאַרפט שלעפּן מיט געוואַלט, און אַהיימגייענדיק יעדעס מאָל זיך אויסגערעדט פאַר נישט האַלטן וואָרט דאָרטן מער נישט צו קומען. און קומענדיק איצט פון דעם שטורמישן פּאַרטיי־מיטינג, וואָס האָט זיך געצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, אַ באַקליידטער מיט די עפּיטעטן און נעמען מיט וועלכע ער פלעגט ביז היינט באַטיטלען אַנדערע, דאָס דערציילט דער פרוי, זאָגנדיק:

— ווי, צו וואָס איך בין דערגאַנגען! לייבקע — אַ פאַררעטער! אַ לעבן־לאַנג דער באַוועגונג געדינט, און אויף דער עלטער — אַ פאַררעטער. אַזוי ביי יענע, אַזוי ביי די...

— ווען דאָס וואָלט נישט אַזוי טרויעריק געווען, וואָלט איך געזאָגט: רעכט אויף דיר! אַ גליק וואָס איך האָב זיך נישט געלאָזט אַריינציען צו זיי צוצושטיין. איך האָב ניט אויף וואָס חרטה צו האָבן!...

— איך פאַרזיכער דיר, בלומע, אַז דו וואָלסט נישט אַנדערש געווען פון אַנדערע, ווען דו וואָלסט, ווי איך, אויך אַרויסגעקומען פון אַן אָרעמער וועבער־היים, פון נויט און דחקות, און ווען דיר וואָלט נישט באַשערט געווען צו זיין ר' לוי־יצחק'ס אַ טאָכטער, און נאָך אַלץ לעבן מיט די אַמאָליקע באַגריפן זיינע, און אין דער אַמאָליקער וועלט זיינער.

— וואָס איז דאָ צו חידוש'ן זיך? זיי האָבן מיט דיר געטאָן, לייבקע, וואָס זיי טוען מיט יעדן איינעם וואָס גייט נישט אין שפּאַן פון דער ליניע זייערער. כ'בין שוין אַזוי צוגעוואוינט דאָס צו הערן, אַז דאָס איז ביי מיר מער קיין נייעס נישט, און דו באַדאַרפסט זיך נישט פילן אַזוי געפאַלן. וואָס טויג אָבער איצט צו ריידן וועגן דעם? ס'איז שוין שפּעט.

ס׳וואַרט אויף דיר מאָרגן אַ שווערער טאָג אַרבעט. ערגער זיך נישט, צעשטער דיר נישט אַ נאַכט שלאָפן.

לייבקע האָט נישט געענטפערט. איז אַ ווײַלע געזעסן ווי אָן לשון, אַ ווײַלע אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער, נאָכטראַכטנדיק: גיין שלאָפן? צי וועט ער דען קענען שלאָפן? און מיטאַמאָל אַ זאָג געטאָן צו דער פרוי:

— איז וואָס וועט איצט זײַן, בלומע? די פראַגע גיט מיר נישט קיין רו. אויב נישט בײַ זיי, און אויב נישט בײַ די אַנדערע — איז וואו וועל איך זיך איצט אַהינטאָן? מיט וואָס און מיט וועמען וועל איך איצט האָבן זיך אויסצולעבן גײַסטיק?

— אַ שיינע פראַגע! אַז נישט בײַ זיי, איז שוין נישטאָ וואו צו קומען און מיט וועמען צו פאַרברענגען? פאַראַן, דאַנקען גאָט, נאָך גענוג אָרגאַניזאַציעס אין דער שטאָט. וויל נאָר, און מיר וועלן האָבן וואו און מיט וואָס זיך אויסצולעבן, נישט ערגער ווי פריער.

— ניין! — האָט לייבקע אָפּוואַרפנדיק דער פרוים רייד מיט נערוועזערע טריט האַסטיקער איבער צימער גענומען שפּאַנען, רייידנדיק מיט אַ צערודערטער שטימע ווי צו זיך און ווי צו דער פרוי — ניין! כ׳וועל מער ניט אין ערגיץ נישט קומען, אין ערגיץ נישט גיין, פון הײַנט אָן מיט קיינעם נישט זיך טרעפן מער, פון הײַנט אָן זיך מיט גאָרניש מער פאַראינטערעסירן, מיט גאָרנישט; צו וואָס, אַז עס לאָזט זיך אַזוי אויס?

— לאָז דאָס איבער אויף מאָרגן, לייבקע, ס׳איז שוין שפּעט. די פאַבריקן וועלן באַלד נעמען פייפן. וועסט באַלד דאַרפן אויפשטיין צו דער אַרבעט. נו, „גוד-נאַיט” — אַ גוטע נאַכט!

ד.

אַ צייט לאַנג האָט לייבקע זיך געהאַלטן ביים באַשלוס אין ערגיץ נישט זיך ווייזן. ווי ווייט דאָס איז מעגלעך געווען, האָט ער אויסגעמיטן זיך צו טרעפן מיט באַקאַנטע, מיט פריינט, צו משפּחה נישט געגאַנגען, און נישט ס'האָט אים פאַראינטע־רעסירט צו ווען ווען וואָס עס גייט אָן אין דער לינקער באַ־וועגונג און נים אינעם רעכטן לאַגער. אויב ס'איז ווען עס איז צו אים עפּעס דערגאַנגען פון יענע קרייזן, צי ווען ער האָט געהערט דערמאָנען אַ נאָמען פון אַ באַקאַנטן טוער פון דעם אָדער פון יענעם לאַגער, האָט ער דאָס אויסגעהערט אָן אַ גאָפּיל פון אינטערעס, מיט גאָרנישט זיך אָפּגערופן, אָדער אַ הייב געטאָן די פּלייצעס מיט אַ פרעגנדיקער מינע אויפן פּנים:

— איז וואָס האָט דאָס מיט מיר צו טאָן? צו וואָס באַדאַרף איך דאָס וויסן?

די ווינטערדיקע אָוונטן זיינען געווען לאַנגע; די נעכט — נאָך לענגער. איין אָוונט איז געווען ענלעך צום אַנדערן, און זיך אָנגעפאַנגען און געענדיקט מיט: געקומען פון דער אַרבעט, אַ ווײַלע גערוט, געגעסן און דערנאָך נישט געהאַט וואָס צו טאָן מיט זיך. האָט ער אָט גענומען אַריינקוקן אין אַ צייטונג, אָט אַוועקגעלייגט דאָס בלאַט און זיך גענומען צו אַ בוך, געלייענט אַ ווײַלע, און פּלוצים אָן עפן געטאָן די טעלעוויזיע, איינגעקוקט זיך אַ מינוט־צוויי צו דער „שאָו", און מיטאַמאָל אַ דריי געטאָן פאַר אָן אַנדער „טשענעל" און געהאַלטן אין איין בייטן די פּראָגראַמען. צום סוף זיך געטאָן אַ שטעל־אויף און גענומען אַרומשפּאַנען איבערן צימער, און באַלד דערנאָך גענומען צוריק אַריינקוקן אין דער אַוועקגעלייגטער צייטונג. אַז דער זייגער האָט געוויזן אויף אַכט, פלעגט אים באַפאַלן אַ מין נאָגעניש נאָך פונעם הויז אַרויסצוגיין, און נישט פילנדיק אַז ער טוט עס, זיך איבערגעטאָן און אין דער גאַס אַראָפּ, נישט וויסנדיק און נישט פרעגנדיק זיך וואו ער גייט און צו וואָס ער גייט. ווי

גיך ער איז אָבער אַרוים, אַזוי גיך איז ער געווען צוריק אין דערהיים.

— זע נאַר, שוין דאָ צוריק? — האָט בלומע, די פרוי זיינע, וואָס ס'איז איר געגאַנגען אין לעבן ס'שטענדיקע זיצן זיינס אינעם הויז, אָנגעשטעלט אויף אים אירע פרעגנדיקע אויגן:

— וואו איז דען דאָ צו גיין און צו קומען?

— ס'איז דאָ! וויל נאַר! וואו איך שלאָג אַלץ נישט פאַר צו גיין, קרימסטו מיט דער נאָז.

— צו וואָס גיין און קומען דאָרטן וואו איך פיל מיך פרעמד און נישט אין דערהיים?

— פאַרוואָס קענען דאָס יאָ די אַנדערע כאַוויירים, וואָס האָבן נאָך פריער, אָדער אין איינעם מיט דיר, פאַרלאָזט די באַוועגונג?

— איך... איך בין אָבער נישט זיי. זיי, ווי גיך זיי זיינען אַוועק, אַזוי גיך האָבן זיי איבערגעקערט די פעלצן און זיך פאַרנומען צוריק מיטן וועג רעכטס. איך, איך קען דאָס נישט טאָן. ס'טוט וויי בלויז צו ריידן וועגן דעם.

— זיי נעמען דאָס נישט אַזוי טראַגיש ווי דו!

— ווען דו וואָלסט זיי געקענט, ווי איך קען זיי, וואָלסטו זיך נישט גע'חידוש'ט. מען האָט אָט די מענטשן קיינמאָל נישט געהאַלטן פאַר באַוואוסטזיניקע כאַוויירים, נאָר — פאַר נאָכ־לויפער, פאַר אַזעלכע וואָס דער ווינט פון דער צייט האָט זיי פאַרטראָגן אויפן לינקן שליאַך; אַזעלכע, וואָס היינט געקומען, מאָרגן — אַוועק, קען מען פון אַזעלכע אַלץ דערוואַרטן. איז זיי דעריבער שווער נישט אָנגעקומען צו ווערן צוריק אַ מיט־גליד אין אַ וועלכער נישט איז אָרגאַניזאַציע, אָדער אין אַ וועלכער ס'איז סאָסייעטעלע.

— וואָס זיי זאָלן נישט זיין — פשוט'ע מענטשן, נישט אויסגעהאַלטענע, פון די נישט איבערגעשפיצטע — גיב איך זיי אָבער קרעדיט פאַר האָבן, פריער פון אייך, די נויטיקע אינ־טעליגענץ איינצוזען דעם אמת; פריער פון אייך חרטה גע־קראָגן אויפן טעות; פריער פון אייך תשובה געטאָן. מיט וואָס איז דאָס קרום?

ווייזט אוים, אז בלומע האט מיט עפּעס פון דעם געזאגטן צוגעטראָפן דעם מאן. די רייד זיינען אים אריין אין קאָפּ און אים געמאכט צו פאַרטראַכטן זיך, אָבער אין דער זעלבער צייט געפילט איר צו זאָגן, אַז זי באַגרייפט אַלץ נישט די לאַגע אין וועלכער ער געפינט זיך; אַז ער קען זיך נישט פאַרגלייכן מיט די פּאַרטיי-נאָכלויפערס; אַז וואָס ס'איז גרינג פאַר זיי — איז שווער פאַר אים. וואָרים ער, לייבקע, איז אַ נאָמען, אַ טוער, אַ פירער געוועזן, איינער פון די פאַרביסנסטע אַטאַקירער געווען אין די אַלע קאַמפן מיט די קעגנער אינעם רעכטן לאַגער, האָט זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּגעשטעלט, נישט מדקדק געווען מיט באַשולדיקונגען, מיט נעמען-רופעניש; חיים-מאיערן, דעם חבר נאָך פון דער אַלטער היים, געסטראַשעט מיט קעפּ-האַקן. געוועזן געגנוג ער זאָל זיך אין עפּעס פון דעם דערמאָנען, און ס'האָט אים אָפּגענומען דער מוט צו טאָן דאָס וואָס די אַנדערע האָבן געטאָן, פרעגנדיק זיך:

— נאָך דעם אַלעם וואָס ס'איז... ווי קען איך איצט?...

וואָס ס'איז צו לייבקען דערגאַנגען ביז איצט וועגן יענע, איז אין דער אמת'ן געווען נישט מער ווי אַן אָנפאַנג פון דעם וואָס איז גאָר גיך נאָכגעקומען. זיי זיינען געווען די ערשטע, אָבער נישט די איינציקע. נאָך זיי האָבן דאָס זעלבע געטאָן אויך אַ סך אַנדערע כאַווערים. ס'איז געווען מאָדנע וואָס גראָד די „אומוויסנדע" מאַסע, די נאָכלויפערס אַזוי צו זאָגן, די פּשוטסטע פון די פּשוטסטע, האָבן געוויזן דעם וועג די אינטעליגענטערע כאַווערים, די איבערגעגעבנסטע, וואָס זיינען בשעתם גרייט געווען צו לאָזן זיך אומברענגען פאַר דער פּאַרטיי זייערער. מען האָט דערמאָנט נעמען: דער הויכער בעריש, נחמן, דער קרומער גדליה, הירש און אַנדערע צו זיי, וואָס האָבן פאַרבויגן די שאַנד אָן אַ זייט און, נישט קימערנדיק זיך וואָס מען וועט אויף זיי ריידן און זאָגן, צוריק זיך אָנגעשלאָסן אין די רעכטע און אין אַנדערע פאָלקס-אָרגאַניזאַציעס וואָס זיינען דאָ אין שטאָט.

די גרעסטע איבערראַשונג איז אָבער פאַר לייבקען געווען בעת די פרוי זיינע האָט אַנומלט, אַהיימקומענדיק אין אַן אָוונט

פון דער גאַס, קוקנדיק אויף אים, כדי צו זען וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס וועט אויף אים מאַכן, אַ זאָג געטאָן:

— כ'האָב פאַר דיר נייעס, לייבקע!

— וואָס?

— וועסט עס אוודאי נישט וועלן גלויבן: הירש, הירש — האָט זי עטלעכע מאָל ווידערהאָלט דעם נאָמען — הירש, דער נאָענטסטער חבר דיינער, אויך ער איז צוריק אַוועק צו די רעכטע — אינעם אָרדן־רינג־צענטער — און איז שוין דאָרטן טעטיק ווי אין די אַמאָליקע יאָרן.

אַ ווײַלע איז לייבקע געבליבן שטיין אַן לשון, ס'בלייבע אויסזען אויפן לענגלעכן פּנים האָט געוויזן אויף דער צערודער־רונג אין אים. ער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך, דערקלע־רנדיק דער פרוי:

— נו, איצט פאַרשטיי איך פאַרוואָס ער ווייזט זיך נישט פאַר מיר לעצטנס... איבעריקנס איז נישטאָ פון וואָס איבער־ראַשט צו ווערן. שעמען זיך איז נישט זיין טבע; אַ פּחדן — אויך נישט, איז דאָס אים צו שווער נישט אָנגעקומען.

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט הירשס איבערגיין צוריק אינעם רעכטן לאַגער זיך נישט געענדיקט מיט אים אַליין. מיט זיין צוריקקומען דאָרטן האָט ער אויך געעפנט אַ טירעלע פאַר אַנדערע דאָרטן זיך צוריק אַריינצושפּאַרן, געוואָרן אַן אַדרעס, שוין געוועזן דאָרטן צו ווענדן צו קומען, מיט וועמען זיך צו טרעפן... נישטאָ דער טאָג אַז עס זאָל עמיצער נישט אַריינ־שטעקן דעם קאָפּ און אַ פרעג טאָן:

— איז פריינט הירש דאָ פאַראַן?

— אויף וועלכן הירש פרעגט איר — ענטפערט מען יענעם צוריקפרעגנדיק — פאַראַן דאָ אַ סך מיטן נאָמען הירש. איר מיינט אפשר דעם לינקן הירש?

— יאָ, אים!

— ער? ער געפינט זיך איצט ביי אַ מיטינג אין צימער 2.

שוין איבער אַ יאָר, ווי דער הירש האָט פון זיך אַראָפּגע־וואָרפן דעם לינקיזם, און אַלע ווייסן דאָס. וואָס אָנבאַלאַנגט דער שנאה צו דער לינקער באַוועגונג, שטייגט ער נאָך איבער

די רעכטע. נישטאָ די פאַרדאַמונג מיט וועלכער ער האָט זיי שוין נישט פאַרדאַמט, און ווען ער וואָלט אימשטאַנד זיין זיי צו שיקן אויפן פייער, וואָלט ער דאָס געטאָן. און שוין איבער אַ יאָר ווי ער איז צוריק טעטיק געוואָרן אין דעם רעכטן אָרדן־רינג־צענטער, און נאָך מיט מער ברען און קאָך, ווי אין די יאָרן וואָס פאַרן רים. ער פאַרנעמט אינעם ברענטש דעם אַמט פון סעקרעטאַר און אויך אַמטן אין אַנדערע אָרדן־רינג־אינסטי־טוציעס. טראָץ דעם אַלעם איז אָבער דער נאָמען „לינקער" מיט אים שוין פאַרבליבן דאָ און וואו ער זאָל נישט קומען. ס'איז, חלילה, נישט צוליבן וועלן אים באַליידיקן און וויי־טאָן, נאָר פשוט: ביים אויסריידן דעם נאָמען זיינעם, גליטשט זיך פונעם מויל אויך אַרויס דאָס וואָרט „לינקער". און כאָטש לייבקע איז שוין צוגעוואוינט געוואָרן צו הערן זיך אַזוי רופן, פילט ער זיך נאָך אַלץ געטראָפן. דאָרטן האָט עס געקלונגען נאַטירלעך; דאָ אָבער קלינגט עס אָפּ מיט אַ פריקרען נאָך־טעם אין די אויערן זיינע. ווי הירש האָט זיך נישט אָפּגעטרייסלט פון דער לינקער באַוועגונג, איז אָבער עפּעס פון דעם געבליבן טיף אין אים באַ־האַלטן און דאָס ווייזט ער אַרויס ווען ער ווערט אויסער זיך פון פרייד ביים טרעפן זיך אַמאָל מיט עמיצן פון די אַלטע כאַ־ווערים. באַגעגענענדיק זיך מיט אַזאַ איינעם, דריקט ער יענעמס האַנט מיט אַ געוואַלדיקער וואַרעמקייט, ריידנדיק מיט איין אָטעם פון באַגייסטערונג און גליק.

— אָ, גוט דיך צו זען, מנשה, כ'טראַכט אָפט פון דיר און פון די אַנדערע כאַווערים. איר קומט נאָך אַלץ אינעם אַרבעטער־קלוב? ניין, אַוועק? איז פאַרוואָס זעט מען פון אייך קיינעם נישט? וואו זייט איר אַלע פאַרפאַלן געוואָרן?

גאָר באַזונדערס פרעגט ער זיך דאָן נאָך מיט גרויס ניי־געריקייט אויף איינעם, וואָס איז מיט אים אַממיינסטנס טעטיק געווען אין דער באַוועגונג — אויף לייבקען.

—וואָס מאַכט ער? — וויל ער וויסן. ווי גייט עס אים? מען זעט אים נאָך אַלץ אין ערגיץ נישט, לייבקען. זיך טויט געמאַכט, זיך אויסגעטיילט פון דער וועלט, פאַרשוואונדן גע־וואָרן, זיך טויט געמאַכט נאָך ביים לעבן, ווי אין אַ פריזאָן זיך

אַפּגעשלאָסן. אָבער ווענמען טוט ער מיט דעם אָפּ? — זיך אַליין! יאָ, כ׳וועל זיך די טעג צו אים אַריבערכאַפּן.

און אין איינעם אַן אָוונט האָט הירש טאַקע אָפּגעשטאַט אַ באַזוך ביי זיין אַלטן פריינט און לעבנס-לאַנגן חבר, לייבקען.

אַזוי גיך ווי הירש איז נאָר אינעם הויז אַריין און ביים ערשטן בליק דערזען יענעמס טיפע דערשלאָגנקייט, ס׳מוטלאָזע פּנים מיט די איינגעזונקענע אויגן אינעם קאָפּ, אַזוי איז ער גלייך אַרוים מיט לשון, זאָגנדיק אים:

— דו ביסט נישט דער איינציקער אַנטוישטער, לייבקע, אַ וועלט מיט מענטשן פילן ווי דו און ווי איך. נישט אונדזער שולד. מיר האָבן געמיינט גוט; מיר האָבן געגלויבט ערלעך און הייליק, און — אָפּגענאַרט געוואָרן.

— דו קענסט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי דאָס האָט געווירקט אויף מיר, הירש, כ׳בין קראַנק, צעבראָכן, און דאָס ערגסטע — אָנגעוואוירן דעם אינטערעס צו אַלץ און אַלעמען — צו וואָס?

— ס׳איז יאוש און פאַרצווייפלונג וואָס רעדט פון דיר אַרויס.

— אפשר. ס׳לאָזט זיך אָבער נישט פאַרגעסן, הירש!

— יאָ, אָבער וויכטיקער ווי דאָס איז זיך נישט אונטערצוגעבן דעם סם פון פּעסעמיזם, און אויף אַלץ, אַלץ אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט.

— אַזאַ איז די שטימונג ביי מיר, שווער זיך צו באַפרייען פון דעם סם.

— אַ שיין פּנים וואָלט די וועלט געהאַט, ווען מען זאָל אויפן וועג צו פּראָגרעס נישט זיין אימשטאַנד איבערצוטראָגן די ווייטיקן פון אַ צייטווייליקן דורכפאַל! נאָך יעדער נידערלאַגע הייבט זיך אָן פונדאָסניי.

— כ׳בין מקנא דעם מוט דיינעם!

— וואָס עס זאָל נישט פּאַסירן, און וויפיל אַנטוישונגען ס׳זאָלן אונדז אַלץ נישט באַשערט זיין דורכצולעבן, איז עס אַ פאַרברעכן פאַר אַן אונדזעריקן אויפצוהייבן די הענט און זיך אָפּזאָגן פון אַלץ.

— כ'הער אַט די רייד דיינע פון די יונגע יאָרן אָן. אַנפּאַנ־גען פונדאַסנײַ? — דאָס איז מער נישט פאַר מיינע כחות!

— פון ווען אָן שפּילט עס עלטער אַ ראָלע ביי אַ מענטשן, וואָס האָט ס'גאַנצע לעבן זיינס געטראָגן אַ גלויבן אינעם האַרץ? נישט דאָס איז דער עיקר. דו רעדסט קעגן זיך. ס'איז עפּעס אַנדערש וואָס דריקט דיך — דער טעות דער אומגליקלעכער, דאָס שולד־געפיל. מיר האָבן זיך אָבער נישט מיט וואָס צו שעמ־מען, לייבקע. סוף־כל־סוף, אויב ס'זאָל קומען צו אַ חשבון, וועט מען זען אַז מיר זיינען קיינעם גאָרנישט שולדיק.

וואָס־וואָס, אָבער הירשס רייד זיינען לייבקען גוט אַריין אין קאָפּ און אים געמאַכט צו פאַרטראַכטן זיך. נאָכדענקענדיק אַ ווײַלע, זיך געטראַכט, אַז צו קענען ריידן איצט רייד ווי הירש רעדט נאָך אָט דער טרויעריקער אַנטוישונג — דערויף באַדאַרף מען האָבן מוט און דעם כוח פון אַ גיבור, און זיך געשעמט פונעם געדאַנק וואָס בעת ער, לייבקע, איז די אַלע יאָרן געווען דער פעלזן־פעסטער מענטש, אַזאַ זיכערער ביי זיך, איז ער איצט דער שוואַכער, דער געפאַלענער, און הירש — דער געשטאַרקטער.

נאָך אָט דעם אָוונט האָבן די צוויי לעבנס־לאַנגע פריינט אַלץ אָפטער זיך גענומען טרעפן. נישט מער — די ראָלן האָבן זיך געביטן. אין די פריערדיקע יאָרן פלעגט לייבקע זיין הירשס וועג־ווייזער, דער רבי; איצט איז דאָס געווען הירש. הירש איז איצט געווען דער אָנשפּאַרער, אויף וועמען לייבקע האָט זיך געהאַלטן, און כמעט יעדן אָוונט זיך מיט אים ערגיץ־וואו גע־טראָפן, טוישנדיק זיך מיט די מיינונגען און מיט די שטימונ־גען זייערע. ביים צעגיין זיך פלעגט לייבקע פרעגן הירשן:

— איז וואו קען איך דיך מאָרגן זען?

— מאָרגן? — האָט הירש נאָכטראַכטנדיק אַ רגע אים געזאָגט — מאָרגן באַדאַרף איך זיין צו אַ וויכטיקן מיטינג אינעם אָרדן־רינג־צענטער. כ'וועל דאָרט זיין דעם גאַנצן אָוונט. קום צו!

— ניין, נישט דאָרטן! — איז לייבקעס פּנים רויט געוואָרן ווי פייער — אומעטום וואו דו ווילסט נאָר, אָבער נישט דאָרטן.

— דו קומסט דאָך צו מיר, פרעג זיך נאָך אויף מיין נאָמען.

— אומעטום יאָ, אָבער נישט דאָרטן — איז לייבקעס פּנים נאָך רויטער געוואָרן — נישט דאָרטן!

— אָט זעסטו, אַז איך קום דאָרטן יאָ, און וואָס? — ס'האָט מיך נאָך, חלילה, קיינער נישט אויפגעגעסן!

—ס'איז נישט קיין פאַרגלייך. דו האָסט זיך אַזוי פיל נישט געלאָזט הערן!

— פאַרגעס וואָס געווען, לייבקע; פאָלג מיך, קום צו. כ'פאַרזיכער דיר, ס'וועט דיר קיינער קיין שלעכטס נישט טאָן. וועסט זיין איבערראַשט פון דער חבר'שאַפט וואָס מען וועט דיר אַרויסווייזן. נאָך אַלעמען, קענען דיך אַלע נאָך פון דער אַלטער היים!

די לעצטע ווערטער האָבן אין לייבקען אַ ריר געטאָן עפּעס אַ סטרונע אינעם האַרצן. ער איז געוואָרן ווייכער, נאָכגיבי־קער, אָבער זיך נאָך אַלץ גע'ישוב'ט צווישן יאָ און ניין. ס'האָט אים געצויגן אויף „נישט", אָבער מער אויף — „יאָ", און נישט קענענדיק לעת־עתה אַנטשיידן, אַ זאָג געטאָן מיט אַ שוואַכקייט, נישט פילנדיק אַז ער רעדט דאָס:

— נו, כ'וועל אפשר קומען. כ'ווייס נישט. כ'וועל זען, כ'וועל זען, ווי איך וועל פילן.

אין איינעם אַ שבת'דיקן אָוונט האָט זיך לייבקע געזען שפּאַנען אויפן וועג צום רעכטן אָרדן־ריינג־צענטער.

דער קאָפּ געבויגן און נישט קוקנדיק אויף עמיצן אַרום זיך, האָט ער געשפּאַנט פון איין גאַס אין דער אַנדערער, אַנשטרענ־גענדיק זיך צו באַהערשן די געשפּאַנטקייט אין אים. די פיס האָבן אים געטראָגן, אָט גיך, אָט קוים זיך באַוועגט, און אָט נאָך שנעלער גענומען שפּאַנען. אָפטמאָל נאָך אַלץ געפילט ווי אומצוקערן זיך אויף צוריק, און זיך דערשראָקן פונעם געדאַנק דאָס צו טאָן. צוריק? — צו וואָס? צו די לאַנגווייליקע אָוונטן? צו די פּוסטע שעה'ן, ניט האָבנדיק וואָס מיט זיך צו טאָן? צו די לאַנגע נעכט, טראַכטנדיק אין דער וועלט אַריין? דערצו איז אים איצט אַזוי ליב געווען צו שפּאַנען אין די קליין־שטעטל־דיקע שטילינקע געסלעך, די אייביק־פאַר'חלום'טע. שוין געווען

סוף ווינטער, נאָך די שנייען, פרעסט און קאַלטע ווינטן. די לופט איז שוין געווען דורכגעדרונגען מיט אַן ערב־פרילינגדיקער וואַרעמקייט. דער הימל האָט זיך געזען אַ לויטערער, ווי איבער־געצויגן מיט פרישן געוואַנט, ברייטער, העכער, די שטערן בליש־טשענדיקער. די קליינע איינשטאָקיקע הייזקעס האָבן, פּטור ווערנדיק פון דער ווינטערדיקער גרויער כמורנעקייט, אויסגע־קוקט שענער, ווי אויסגעוואַשענע קינדער. די העכערע מויערן מיט די שפּיציקע קופּאָלן פונעם „סיטי־האָל" און פון די געריכט־בנינים, וואָס זיינען דורכן לאַנגן ווינטער באַדעקט געווען מיט שנייען און קעלטן, האָבן איצט קענטיקער איבער דער שטאָט זיך געזען. אויך פון די ציגלדיקע מויערן פון די וועב־שעפּער מיט די לאַנג־האַלדזיקע פינצטערע קוימענס, האָט זיך אָפּגעטאָן די סטראַשידלעדיקע מורא אויף זיי אַ קוק צו טאָן. און פון די הינטערשטאָטישע בערגיקע געגענטן האָט געבלישטשעט מיט שימערירנדיקע פּייערלעך צווישן די טונקעלע בערג־האָריזנטן, צו דער שטאָט אַראָפּ. געווען צו פילן, אַז דער ווינטער, דער קאַלטער, ציט זיך אַ באַפעלצטער ערגיץ ווייט אַוועק מיט אַ קאַראַוואַן פון שליטנס, שניי, אייז און פרעסט, און ווי נאָכן אַוועקשליטלען זיך וועלן אויף די פליגלען פונעם ווינט אָנפליען די צוויי ליבע געסט אויף וועלכע מען קוקט די אויגן אַרויס — דער פרילינג מיטן ליבן זומער — פול מיט בעכערס זונען־שיין און מיט אַ סך פריידיקע וואַרעמע טעג.

לייבקע האָט געפילט די ענדערונג. דעם גאַנצן ווינטער אין הויז, האָט די וועלט איצט אויסגעזען ניי, ווי ניי־געבוירן, אויך אים ס'געמיט דערפרישט. און ער האָט איצט מיט גיכערע טריט געשניטן די גאַסן און געסלעך אויפן וועג צום אָרדן־צענטער. ווייט איז איצט שוין געווען דער וועג אויף צוריק. נאָענט, אָט־דאָ נישט ווייט פון דאַנען האָט זיך שוין געזען אַרויס־הייבן די הויכע, ווייס־מאַרמאָרנע געביידע פונעם אָרדן־רינג־צענטער. צוקומענדיק אָבער נאָענט, איז עפּעס אומדערוואַרטעס מיט לייבקען געשען, איז פּלוצים שטיין־געבליבן, דערפילנדיק אַ קלאַפּעניש אינעם הארצן. די טריט האָבן זיך פאַרהאַלטן, די פיס האָבן זיך ווי אָפּגעזאָגט אים צו טראָגן ווייטער ; פאַרקערט,

געגומען ציִען זיך אומצוקערן אַהיים. אַזוי טאַקע געטאָן. אַ צווייט מאָל געקומען און ווידער נישט דערגאַנגען. געוווּן גענוג ער זאָל אַנקומענדיק דערזען אַ באַקאַנט פּנים, און ס'איז אים אָפּגעגאַנגען דער מוט אַהין אַרײַנצושטעקן אַ פֿוס. אײנמאָל שוין געהאַט אַרויפֿגעשפּאַנט די טרעפּ צו דער טיר, און אײנעם סאַמע לעצטן מאָמענט זיך ווידער אומגעקערט אַהיים. ענדלעך האָט זיך אָבער דאָס אײַז געבראָכן. ס'איז געווען דעם הײַנטיקן אָוונט. אמת, ווי אַ פּאָר מאָל פֿריער, אַזוי איז דאָס אויך איצט געשען: אויפֿן וועג אַהער געשפּאַנט גיך, גיך, און וואָס נענטער אַלץ מער און מער פֿאַרלאַנגזאַמט די טריט; אמת, אויך איצט האָבן די הענט זיך נאָך אַלץ נישט גערירט אָן עפֿן צו טאָן די טיר. ער איז אָבער שוין צוריק נישט געגאַנגען. נישט געגאַנגען מחמת אין דער סאַמע לעצטער רגע פֿון ישובֿ'ן זיך האָבן פֿאַר די אויגן זײַנע ווי דורכגעשוועבט די יאָרן פֿון זײַן פֿאַרגאַנגענעם לעבן און ס'איז אים געקומען אויפֿן געדאַנק אַ גליקלעכע דער-מאָנונג: אין אָט דער געבײַדע פֿון דעם אָרדן-רינג-צענטער ליגט דאָך פֿאַרקערפּערט אַ שטיק פֿון זײַן לעבן. די באַוועגונג און ער זײַנען דאָך געווען אײנס, אײן גוף און אײן נשמה. די בעסטע יאָרן דאָ איבערגעלאָזט, די בעסטע כּחות. נעכטן לאַנגע דאָ פֿאַר-בראַכט, אָן אַ שיעור מי, אַרבעט, געלט זיך געלאָזט קאָסטן ווען מען האָט באַדאַרפֿט, דאָס לעצטע פֿון זיך געגעבן. די פּראָטאָקאָל-ביכער זײַנען מיט זײַן נאָמען פֿאַרשריבן. אויב מען זאָל דעם ווינקלשטײן עפֿענען, וועט מען זיך אויך דאָרטן אויף זײַן נאָמען אָנטרעפֿן. דאָס איז נישט אויסצומעקן. אמת, אַ צײַט לאַנג פֿון דאַנען אָפּגעפֿרעמדט געוואָרן. דאָס האָט אין אים דער קײנמאָל נישט-מיד-ווערנדיקער גײַסט און דער וואונטש צו דער-לעבן די גאולה, נאָך אין זײַן צײַט, אים פֿאַרפֿירט צו דינען אַ געץ פֿון שקר און באַטרוג, און בלינד נאָכגעפֿאָלגט די לערער פֿון דער רויטער תּורה, צו זאָגן וואָס מען הייסט זאָגן, צו דענ-קען ווי מען הייסט דענקען, צו טאָן וואָס מען הייסט טאָן, און אַז אַלץ איז רעכט און כּשר. איצטער פֿאַרשטייט ער דעם טעות. די אַנטוישונגען האָבן געעפֿנט די אויגן, באַגריפֿט ער הײַנט וואָס ער האָט פֿריער נישט באַגריפֿן. קערט ער זיך דעריבער

אום צום שורש פון זיינע אַנהייב־יאָרן. איז אויב אַזוי — פאַר־וואָס שטייט ער דאָ אַ פרעמדער, נישט אַהער און נישט אַהין? — האָט ער זיך געפרעגט. און ווי ס׳וואָלט אים ווער אַ שטויס געגעבן דאָס צו טאָן, גיך אָן עפן געטאָן די טיר און באַלד זיך געזען שטיין אינעם פאָדערשטן צימער פונעם אָרדער־צענטער.

זייענדיק נאָך אויפן וועג אַהער, האָט לייבקע נישט אַנ־דערש ווי נאָר געבעטן, אַז ס׳זאָלן אינעם צענטער איצט זיך געפינען וואָס ווייניקער מענטשן, באַזונדערס נישט דער יוגנט־חבר פון דער אַלטער היים — חיים־מאיר... און אויב דאָס מזל איז ווען ס׳איז געווען גוט צו אים, איז דאָס געווען איצט.

ס׳איז געווען אין אַ מאָנטיק אָוונט — אַן אָוונט אין דער וואָך אָן ברענטש־מיטינגען און אַנדערע אונטערנעמונגען, וואָס ברענגען געוויינטלעך אַ גרויסן עולם מענטשן. די מייסטע צי־מערן זיינען געווען ליידיק, פאַרמאַכט און פינצטער, אַזוי אויך דער גרויסער אודיטאָריום, בלויז איין־איינציקער מיטינג געווען אין אַ זאַל אויפן אייבערשטן שטאָק. אין די אונטערשטע זאַלן איז געווען ליכטיקער. די בלענדנדיקע סופיט־לאָמפּן האָבן אַראָפּ־הענגענדיקע געוואָרפן שטראַלנדיקע ליכט אויף די צוויי צענדליק פאַרזאַמלטע מענטשן. אין דרויסן האָט שוין געפינצטערט די נאַכט, דאָ איז אָבער ליכטיק געווען. דאָ ליכטיק, אין דרויסן — פינצטער. די פינצטערניש איז געהאַנגען אויף די פענצטער, געקלעפּט אין די שויבן, גרייט אויך דאָ־אַהער זיך אַריינצוכאַפּן. פון אַ דערבייאיקן „געוים״־צימער האָט זיך אַרוסגעהערט אַ גע־קלאַפּעריי פון דאָמינאָ־ביינדלעך, פון שאָך און אַנדערע „געוימס״. ס׳האָט ווער צוגעברומט פון יום־כיפּורדיקן מחזור: „אוחילה לאל — אחלה פניו״, און דער ניגון האָט דערמאָנט אָן שווערע טעג, אָן קראַנקהייטן, אָן עלטער, אָן ווער ווייסט וואָס נאָך אַלץ, און אַז דער אויבערשטער זאָל זיך מרחם זיין...

ביי אַ לאַנגן טיש זיינען געזעסן אַ צוויי מנינים פון די שטענ־דיקע באַזוכערס, די מייסטע אויך שוין „ריטאַיערטע״ אַרבעטער פון די וועבער־שעפּער, אַלץ אַזעלכע וואָס וואוינען נאָענט פון דאַנען און כאַפּן זיך אַריין אין די אָוונטן אויף אַ שעה־צוויי, די געדריקטע געמיטער צו דערפרישן, און לייענען אָדער זיך צו זען

מיט עמיצן אַ באַקאַנטן אָבער מער פון אַלץ וואָס עס יאָגט זיי דאָ צו קומען איז צו האָבן מיט וועמען אַ שמועס צו כאַפּן. ס׳איז נישט גוט אויף דער וועלט. די וועלט-לאַגע לאָזט נישט רוען. ס׳רשעות צינדט די וועלט אונטער. איידער מ׳פּאַרלעשט ס׳פייער אויף איין פּלאַץ, ברענט אויף אַן אַנדער אָרט. די רויטע שווערד דראָט אַלץ און אַלעמען אומצוברענגען. פעלקער ציטערן פאַר זייער קיום. אַזוי רעדט מען זיך דאָ איינער פאַרן אַנדערן פונעם האַרצן אַראָפּ. אַזוי איז דאָס אויך געווען איצט: ווער ס׳האָט גערעדט, ווער ס׳האָט געהערט. מיטאַמאָל האָבן אַלע די קעפּ צו דער טיר געווענדט, און מיט גרויס דערשטוינונג דערזען לייבקען אינעם צימער. אין אָנהייב האָט קיינער די אויגן נישט גע־גלויבט, אַז ס׳זאָל זיין ער. ס׳האָט זיך אויפן שכל נישט געלייגט, אַז ס׳זאָל זיין דער לינקער לייבקע. ס׳איז אָבער קיין טעות נישט געווען. ס׳איז געווען ער. ער האָט אויסגעזען בלייך, צערודערט, דער קאָפּ געבויגן, אין די אויגן אַ וועלט מיט טרויער, בלויז אַ שאָטן פון דעם לייבקען וואָס פון אַמאָל. באַלד האָט זיך געהערט ווי ער פרעגט עמיצן מיט אַ נערוועז-צערודערטן טאָן, נישט קו־קנדיק אויף קיינעם ניט אינעם זאַל.

— איז פריינט הירש איצט דאָ פאַראַן?

— יאָ, ער איז אין צימער נומער 2 ביי אַ מיטינג — האָט מען, ענטפערנדיק, פון אים אַלץ די אויגן נישט אַראָפּגענומען, קוקנדיק נאָך אַלץ אויף אים מיט פרעגנדיקע בליקן:

— ער?! ער?! דער לינקער לייבקע איז דאָ — דאָ?!

סך-הכל האָבן אינעם צימערל זיך געפונען קרוב צו צוויי מנינים מענטשן, אויסגעוויזן האָט זיך אָבער לייבקען, אַז דער זאַל איז פול און איבערגעפּאַקט, און אַז ער זעט אויף זיך די בליקן פון אַן אַ שיעור אויגן. אַ וועלט, אַ ים מיט אויגן אויף זיך געזען; אויגן בייזע, אַנדערע מיט שטעכיקע, גרימצאָרנדיקע בליקן, נאָך אַנדערע מיט האַס, מיט אַן אומבאַגרעניצטער פיינט־שאַפט; אויגן מיט טענות און אַזויפיל תרעומות, און צווישן דעם וואַלד אויגן אויך געזען, שפּיזנדיק אויף זיך, די אויגן פונעם יוגנט-חבר נאָך פון דער אַלטער היים, פון חיים-מאירן, וואָס זיינען מאָדנע גרויס געוואָרן, קוקנדיק אויף אים, און אין דער

צעטומלעניש איז אים פאַרגעקומען, אַז נישט נאָר זיינען דאָס די אויגן פון די וואָס אין דעם זאַל דאָ, אין דער שטאָט פעריסאָן, נאָר אַז ער זעט אויף זיך מיליאָנען און מיליאָנען אויגן אויך פון אַנדערע שטעט, פון אַנדערע לענדער, פון יעדן ווינקעלע אויף דער וועלט; אויגן אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג.

לייבקע האָט אָפּגעקערט ס'פנים אין אַן אַנדער זייט, נישט אַ באַוועג געטאָן מיט אַ וויע, דערפילט אַ היץ אַרויסשלאָגן פונעם לייב און די פיס אונטערברעכנדיק זיך אינעם שטיין. איז געשטאַנען אויף איין און דעם זעלביקן אָרט, נישט גייענדיק אַ טריט ווייטער. און כאָטש ס'האָט אים קיינער נישט מיט עפּעס פוגע בכבוד געווען, אַ קרום וואָרט צו אים נישט אויסגע־רעדט, מחמת ס'איז מער קיין נייעס נישט געווען צו זען דאָ לעצטנס עמיצן פונעם לינקן קרייז, איז אים פאַרגעקומען, ווי מען נעמט אים אונטערן אָרעם און מען פירט אים־ צו צו דער טיר... אין דעם מאָמענט האָט זיך פונעם אייבערשטן מיטינג־זאַל באַוויזן דער פריינט זיינער, הירש, פרעגנדיק:

— לייבקע! איז לייבקע דאָ פאַראַן?!

לייבקע איז אָבער שוין געווען אין דרויסן, און ווי אַ שאָטן זיך געשלייכט אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט אויפן וועג אַהיים, געשפּאַנט מיט מידע טריט, אַ געערגערטער, וואָס ער האָט זיך נאָכגעגעבן דאָ צו קומען, דורך די שטילע גאַסן און געסלעך, אין וועלכע די נאַכט האָט געהויערט אויף אַלץ מיט שלאָף און מיט גוטע, גוטע חלומות.